בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

## דרשה ג' פנחס תשי"ט - חלק א

בעיה"ק ירושלים תובב"א

ביום ט"ו תמוז יומא דהילולא של האור החיים הקדוש

• הכתוב מפרסם מעשה פינחס ללמוד ממנו לדורות למנוע פירצות הדור • כשגודרים גדר נתרומם כבוד שמים ויש נחת רוח להקב"ה • מצות צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים: להשניא את הרשעים, לדבר עליהם לשון הרע, ולהרחיק הנאה מרכושם • ביאור ענין "שִׁעְבּוּד מַלְכֻיוֹת" המעכב מלעשות רצון ה' • הס"מ הוא שר המושל על מלוכת הציונים • עיקר תקותינו לביאת המשיח, הוא אל מה שנוכל אז לשמור את התורה ולדעת את ה' •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ט לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע"י
**מערכת לשון קדשו**
מאנטריאל קאנאדא - 1-514-585-3040
צו נעמען א חלק דורך א קרעדיט קארטל: **718-673-2199**

**קונטרס 108**

**לשמיעת הדברות קודש:**

(אמעריקא) **718-298-4641** (ארץ ישראל) **072-3333419**
(פון אייראפע 972-72-3333419+)

צו הערן די תורה **דרשה ג' פנחס תשי"ט - חלק א**

דרוקט: **#→819.1→4→16** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(**28** מינוט, מתוך 2 שעה) **קלאָר**
★★★★☆

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הרב החסיד המרומם, יגע בתורה, למד ולימד, ונודע כבקי בנגלה ובנסתר, היה עז כנמר לשמור ולעשות ולקיים התורה והמצוות במסירת ובגבורת הנפש ובפרט בימי הרם עולם, רדף צדקה וחסד וגידל יתומים, דבק נפשו בצדיקים ובספריהם הק' ובמיוחד בספרי התולדות זי"ע, ה"ה

הרה"ח רבי **אליעזר אבא** ז"ל ב"ר **חיים הכהן** ז"ל **הערמאן**

נפטר ח' אייר תשנ"ג

וזוגתו האשה החשובה צנועה וכשירה, בת קדושים, יראת ה' אוצרה,
נפשה שפכה כמים בתפילה רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ בכל עת לבקש רחמים

מרת **דינה רחל** ע"ה ב"ר **עוזר הכהן** ז"ל

נפטרה י"ז כסלו תשע"ו

הרבני היקר, גדול בתורה ויר"ש, אוהב צדקה ורודף שלום, הרביץ תורה לתלמידים הרבה שנים

הרה"ח ר' **מאיר משה** ז"ל

בהרה"ג ר' **אלי'** זצ"ל **שפיטצער**

נפטר כ"א תמוז תש"מ לפ"ק

הרבני הישיש, הולך בדרכי אבות, ביתו פתח לרווחה לכל דל ואביון, נזהר מאוד בתפלותיו ובמורא מקדש

הרה"ח ר' **יחיאל מיכל** ז"ל

ב"ר **מרדכי** ע"ה **ריספלער**

נפטר כ"ד תמוז תשנ"ח לפ"ק

•

זכות הפצת הדברי תורה של מרן רביה"ק זי"ע נתנדב לזכות רפואתו השלימה והמהירה של

**הרה"ח ר' יהודה בן שרה רבקה הכהן כהנא שליט"א**

•

KolSatmar.com

א

# פתיחה להדרשה

## קושיות ודיוקים בפרשת פינחס

ס׳שטייט אין די וואָכעדיגע סדרה: **וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר**, השם יתברך האָט געזאָגט פאַר משה׳ן, **לֵאמֹר**, ער זאָל ווייטער זאָגן.

**פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, ער האָט אומגעקערט דעם צאָרן פון השם יתברך פון [אויף] אידישע קינדער, **בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם**, ער האָט מקנא געווען קִנְאַת ה׳ צְ־בָאוֹת, **בְּתוֹכָם**, אינעווייניג צווישן אידן, **וְלֹא כִלִּיתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקִנְאָתִי**, ס׳איז נישט געווען קיין כְּלָיָה חס ושלום.

**לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם**, אַזוי ווי ס׳שטייט ווייטער אין פסוק [וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו וַיְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל].

ב

### קושיא א (דהפתיחה)

קושיית האור החיים הק׳: הלאמר מיותר, דהלא כבר נאמר אח״כ לכן ״אמור״

**א) פרעגט דער אור החיים הקדוש - ס׳איז היינט די יאָרצייט, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל - וואָס שטייט ״לֵאמֹר״, ס׳שטייט דאָך שוין ווייטער לָכֵן ״אֱמֹר״, אַז מ׳זאָל ״זאָגן״, וואָס דאַרף איך איבעריג דער לֵאמֹר.**

ג

תירוץ האור החיים הק׳: ״לאמר״ פירושו שיאמר לישראל שפינחס עשה דבר טוב, ולָכֵן ״אֱמֹר״ פירושו שיאמר לפינחס עצמו

**זאָגט דער אור החיים הקדוש**[א], דער **לָכֵן אֱמֹר** האָט מען דאָך געזאָגט פאַר ״פינחס׳ן״, און **לֵאמֹר** זאָגט אַז מ׳זאָל דאָס דערציילן פאַר ״אידן״, אידן זאָלן וויסן [שבחו של פינחס בעיני המקום], זיי זאָלן נישט האָבן קיין תרעומות [על פינחס, אַז] ער האָט גע׳הַרְג׳עט זִמְרִי בֶּן סָלוּא, ער האָט גע׳הַרְג׳עט אַ נְשִׂיא יִשְׂרָאֵל.

[שהרי מעשה פינחס] דאָס האָט דאָך גורם געווען - פשטות פאַר׳ן אויג - ס׳האָט גורם געווען [תרעומת ומלחמה נגדו][ב], **נתקבצו שבטו של שמעון** [עליו].

און ס׳איז געווען דאָרט חלילה, ס׳איז געווען דאַדורך אַליין איז געווען אַ מגיפה, הריגות.

**האָט דער בורא כל עולמים געהייסן מ׳זאָל מודיע זיין פאַר אידן, אַז ער האָט געטון אַ ״דבר גדול״, בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם**, אדרבה [בזה עשה טוב בעמיו].

**דאָס איז דער לֵאמֹר.** [עד כאן דברי האור החיים הק׳].

---

[א] **באור החיים הקדוש** (ריש פרשתן): **לֵאמֹר.** צריך לדעת למי יאמר, אם ״לפנחס״, לא היה צריך לומר אחר כך ״לָכֵן אֱמֹר״, שכבר אמר שיאמר לו הדברים. ועוד סדר הדברים יגיד שלא כן הוא. ונראה שנתכוון בזה שיאמר ״לישראל״ דברים הנאמרים בענין, והכוונה כדי שיכירו מפעל טוב שעשה להם פנחס, ולא ישנאוהו, א] בשביל הריגת הנשיא, ב] ובמה שנמשך מסיבתו שחבט המלאך מהם מה שחבט, כאומרם ז״ל (סנהדרין פב:), כאשר אבאר בסמוך.

[ב] וכמבואר בגמרא (בבא בתרא קט: וסנהדרין פב:): שהיו השבטים מבזים אותו ואומרים הראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לע״ז, והרג נשיא שבט מישראל. [ומובא ברש״י ריש פרשתן]. - וע״ע בגמרא זבחים (קא:) ובתוספות שם (ד״ה ההוא).

KolSatmar.com

ד

אבל אכתי קשה: דעדיין מיותר הלשון לָכֵן "אֱמֹר", כי גם בלא זה מובן שיאמרנה לפינחס

נאָר אָבער [עדיין יש להבין, שהרי] דער גאַנצער לָכֵן "אֱמֹר" לכאורה איז איבעריג.

ער העט געדאַרפט צו זאָגן 'לָכֵן הִנְנִי' נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם, השם יתברך האָט געזאָגט 'איך גיב אים דעם שכר דערפאַר', ממילא פאַרשטייט מען דאָך [מאליו] אַז ער דאַרף דאָס צו זאָגן [לפינחס]. ס'איז למאי נפקא מינה, וואָס דאַרף ער זאָגן די הקדמה לָכֵן "אֱמֹר", ס'איז דאָך גענוג [אומרו] הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם.

ה

קושיא ב (דהפתיחה)

הלשון "תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו" וגו', הוא מיותר. כי כבר מובן זה ממה שאמר קודם לזה "בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם" וגו'

ס'קען זיין [בישוב קושיא א, בהקדם מה דקשה עוד], וואָרן לעולם, דער פסוק הייבט אָן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם וגו', לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם, וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם. דערנאָך פירט ער נאָכאַמאָל אויס תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו, פאַרדעם איז עס, אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו וַיְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. און דאָס איז דאָך געשטאַנען דערפריער, הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם, "לָכֵן" דורך דעם איז עס, [אַז] הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם, וואָס דאַרף ער איבער'חַזְרְ'ן תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו.

ו

# ישוב הקושיות בפרשת פינחס

הקדמה לישוב קושיא א-ב (דהפתיחה)

נאָר וואָס דען, ס'קען זיין אַמאָל, ס'איז פאַרהאַנדן איינער [שעושה איזה פעולה שהכוונה הוא לטובה אבל המעשה בעצם אינו טובה כל כך]. (המשך נקודה זו באות יב)

ז

לעולם היו בני דורו מרננים על פינחס שלא עשה כהוגן

לעולם איז דאָך געווען אַ 'רינון' [ותרעומת על מעשה פינחס]. זיי זאָגן גאָר אין **ירושלמי**[ג], **בקשו חכמים 'לנדותו'**, די חכמים האָבן אים געוואָלט גאָר מרחיק זיין, **אילולי שקפצה רוח הקודש** [ואמרה] **וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם**.

ח

כי באמת זמרי לא היתה כוונתו לשם חטא, וכמבואר בגמרא שזמרי הוא שָׁאוּל בֶּן הַכְּנַעֲנִית ושְׁלֻמִיאֵל בֶּן צוּרִישַׁדָּי, ואם כן היה מהשבעים נפש שירדו למצרים שכולם היו צדיקים, וכן היה מנשיאי ישראל שהיו צדיקים בעלי רוח הקודש, וגם מצד הטבע היה "זקן" היותר גדול שבדור. אלא שהיה לו איזה טעות, כי היה סובר לעשות בזה תיקון בענינים גבוהים

בפשטות איז דאָך געווען אַסאַך ענינים [של מקום טענה על פינחס].

לעולם דער זִמְרִי בֶּן סָלוּא איז דאָך געווען גאָר אַ 'גרויסער', לעולם איז ער געוועזן פון די גדולים שבדור, ער איז געווען אַ זון פון שמעון, ער איז געווען פון די שבעים נפש וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט יעקב אבינו קיין מצרים.

[ווי] די גמרא זאָגט דאָך אַזוי (סנהדרין פב:), שְׁלֻמִיאֵל בֶּן צוּרִישַׁדָּי און שָׁאוּל בֶּן הַכְּנַעֲנִית איז "ער" געווען, דריי נעמען האָט ער געהאַט זִמְרִי, [שְׁלֻמִיאֵל, וְשָׁאוּל, וְזִמְרִי], און די גמרא זאָגט טעמים [על אלו השמות].

---

[ג] בירושלמי (סנהדרין פ"ט ה"ז, מח:): ופינחס שלא ברצון חכמים, אמר רבי יודה בר פזי ביקשו לנדותו, אילולי שקפצה עליו רוח הקודש ואמרה וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם וגו'.

KolSatmar.com

[ולפי זה נמצא כי] **ער איז געווען דער גרעסטער ״זקן״ אין דור.**

[און] **אויף די ״שבעים נפש״** [שבתוכם שאול בן הכנענית]**, איז דער פסוק מעיד** (שמות א, א) **אַז זיי זענען געווען ״צדיקים״, אַזוי ווי דער מדרש זאָגט דאָרטן אויפן אָרט**[ד]**, בְּשִׁבְעִים נֶפֶשׁ יָרְדוּ אֲבֹתֶיךָ מִצְרָיְמָה** (עקב י, כב).

[והוא היה] **איינער פון די נשיאי ישראל, שְׁלֻמִיאֵל בֶּן צוּרִישַׁדָּי. חנוכת המזבח** [שעל ידי הנשיאים] **איז דאָך געווען ברוח הקודש, ווי דער מדרש** (רבה, נשא יג, יד) **רעכנט דאָך אויס, ס׳ווייזט דאָך** [קרבנות הנשיאים] **אויף די אַלע זאַכן וואָס ער ברענגט** [בהמדרש באורך, שהורה קרבנם על המאורעות שיארעו בכל השבטים].

**ט**

**אויף אַלענפאַלס** [בעל כרחך צריך לומר] **ס׳איז נאָר געווען עפּעס אַ ״טעות״** [במעשה זמרי] **וואָס ער איז אַריינגעפאַלן.**

**אין פשטות** [שיתכוון לשם תאוה או עבירה, דאָס] **קאָן מען נישט זאָגן.** [ובפרט כין] **ער איז שוין געווען אַ ״זקן״ פון אַפּאָר הונדערט יאָר געוועזן, נאָך פון יעקב אבינו ביז דעמאָלטס**[ה]**.**

[ועכ״פ יובן בכל זה מה שלא נתרצו השבטים תחילה למה שהרגו פינחס, והתחילו מבזים אותו והחכמים רצו אף לנדותו].

**י**

וגם היה טענה על פינחס שהכנים עצמו לסכנה בזה, כי י״ב נסים אירעו לו כדי שיצליח במפעלו, אבל מצד הטבע היה זמרי יכול להורגו וגם היה יכול להיות חילול השם מכל הענין לולי כל הנסים שנעשו לו

**עקסטערדעם** [היה מקום לטעון על פינחס, שהרי] **ס׳איז געווען מיט ״נסים״ געווען** [מה שניצל פינחס]**, י״ב נסים** [נעשו לו, און] **ווען נישט די נסים חלילה העט דאָך געווען נאָך אַ חילול השם**[ו]**.** [ואם כן האיך סמך עצמו מעיקרא ליכנס לענין זה].

---

[ד] **בשמות רבה** (א, א-ב)**: יעקב אבינו ייסר את בניו ורידה אותם ולמדם דרכיו, שלא היה בהם פסולת, שכן כתיב וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה** [אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ] **וגו׳, הִשְׁוָן כלם ליעקב, שכולם צדיקים כיוצא בו היו. וְאֵלֶּה שְׁמוֹת. אמר רבי אבהו כל מקום שנאמר אלה, פסל את הראשונים. ואלה, מוסיף שבח על הראשונים. אלה תולדות השמים והארץ** (בראשית ב, ב)**, פסל לתוהו ובוהו. ואלה שמות, הוסיף שבח על שבעים נפש שנאמרו למעלה** [בפרשת ויגש]**, שכולם היו צדיקים.**

[ה] **וכמבואר במהרש״א** (סנהדרין פב:) **וז״ל: ודע דלפי הדרש צריך לומר דלכל הפחות היה זמרי במעשה הזה בן ר״נ שנה, דהא חשיב ליה לשאול בן הכנענית מיורדי מצרים, ורד״ו שנה היו במצרים, ובשנת ארבעים ליציאתם נהרג זמרי, הרי ר״ן שנה. ואין זה תימה שהיה חי כל כך וכו׳.**

וז״ל רבינו בס״ג ויחי תשי״ט: די גמרא זאָגט אין סנהדרין, אַז זמרי איז דער זעלבער, שאול בן הכנענית און שלומיאל בן צורישדי וכו׳. און שאול בן הכנעית איז געווען פון די יורדי מצרים וכו׳. און דער מהרש״א מאַכט דעם חשבון ער האָט שוין געמוזט זיין ר״נ שנה וכו׳, ער איז געווען דער גרעסטער זקן אין דור. און דער אמת ס׳איז דאָך א פלא, די נשיאים זענען דאָך אַלע בעלי רוח הקודש געווען, ווי דער מדרש רעכנט דאָך אויס, די אַלע וואָס זיי האָבן געברענגט זיי האָבן מקריב געווען די חנוכה איז געווען אַלעס ברוח הקודש, עקסטערדעם די נשיאים זענען דאָך נפקד געוואָרן על פי ה׳, גרויסע מענטשן.

נאָר ס׳איז נישט געווען קיין פשוט׳ע זאַך, נישט קיין פשוט׳ע תאוה, נאָר ס׳איז געווען עפּעס א טעות, א טעות געווען אין ענין, ער האָט עפּעס געמיינט מיט דעם עפּעס א ׳תיקון׳, אין דעם איז נישטאָ קיין שום הוה אמינא. דער אר״י הקדוש זאָגט (עי׳ חסד לאברהם מעיין ה נהר כה) אַז כזבי איז נאָכדעם נתגלגל געוואָרן אין אשת טורנוסרופוס, און זמרי איז נתגלגל געוואָרן אין רבי עקיבא׳ן, און רבי עקיבא האָט גענומן אשת טורנוסרופס [כשנתגיירה], ער האָט געזען [זמרי] עפּעס ענינים, אַלעס איז געווען על פי סוד, בסודן של דברים [וכמו שנאמר ״בסודם״ אל תבא נפשי, זה מעשה זמרי]. נאָר ס׳איז אָבער ׳דאָך׳ געווען א טעות וואָס ער האָט נישט געפאָלגט משה רבינו׳ן, משה רבינו האָט העכער געזען וכו׳, און אַזוי איז ער נעבעך אַזוי אַריינגעפאַלן, און ס׳איז געווען וואָס ס׳איז געווען.

KolSatmar.com

**אַזוי ווי דער מדרש** (רבה כ, כה) **רעכנט אויס די אַלע י"ב נסים.**

**יא**

ועכ"פ בני דורו חלקו עליו, ואף בקשו חכמי הדור לנדותו, כמבואר בירושלמי

**אויף אַלענפאַלס זעט מען דאָך אַז דער ירושלמי זאָגט בקשו חכמים לנדותו, לולא שקפצה רוח הקודש.**

**איז דאָך נישט געווען נאָך אַזאַ 'בירור' אויפן אָרט, צי ער** [פינחס] **האָט גוט געטון, צי ניין.**

**יב**

והנה לפעמים יש פעולה שהמעשה בעצם אינה רצויה כל כך, אבל יען שמחשבתו לשם שמים, מגיע לו שכר גדול על זה

**און אַמאָל איז פאַרהאַנדן, אַמאָל איז פאַרהאַנדן אַן "עֲשִׂיָּה", אפילו ס'איז נישט אַזוי בשלימות,** [אָבער וויבאַלד] **אַז מ'מיינט 'זייער ערנסט' פאַר'ן בורא כל עולמים, באַקומט מען דערפאַר אַ גרויסן שכר, פאַר די ערנסטע "מחשבה".**

**יג**

אבל החילוק הוא דכשהמעשה אינה רצויה, אז אין לאחרים ללמוד מזה
לעשות כן, משא"כ כשגם המעשה רצויה, אז ממנו ילמדו וכן יעשו

[נאָר] **די נפקא מינה איז, אַז ס'קומט אים נאָר דער שכר ווייל ער האָט 'געמיינט אַזוי ערנסט', און די "מעשה" איז** [אָבער] **נישט אַזוי רְצוּיָה,** [וממילא] **דאַרף מען עס נישט 'נאָכצוטון' קיינער.**

[מה שאין כן] **אַז די "מעשה" איז אָבער גוט, ער האָט מְכַוֵּן געווען אל האמת,** [ווייל] **ער האָט אַזוי געברויכט צו טון,** [דעמאָלטס] **ברויך מען זיך טאַקע צו 'לערנען' דערפון, פון די "מעשה".**

**יד**

והיה סברא לומר שפינחס כוונתו רצויה אבל לא מעשיו, ועל כן אין ללמוד ממנו

[ואם כן לפי האמור שבני דורו חלקו על פינחס, היו יכולין לומר, דמה שניתן לו ברית שלום מאת הקב"ה, זה היה עבור שמחשבתו היתה רצויה לשם שמים, אבל עצם המעשה אינה טובה כל כך, ואין לאחרים ללמוד ממנו לעשות כמותו].

**טו**

**ישוב קושיא ב (דהפתיחה)**

ולזה כפל הכתוב לומר עוד הפעם "תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו", להודיענו בזה שגם המעשה והפעולה שלו
רצויה לפני המקום, במה שמסר נפשו לקנא קנאת ה', ולכן ראוי לכל אחד ללמוד ממנו לעשות כמותו

**איבערדעם זאָגט דאָ דער פסוק:**

**ער הייבט אָן זאָגן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי וגו' בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי וגו' הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם. קאָן מען קלערן** [דהסיבה היא] **ווייל ער האָט "געמיינט זייער ערנסט",** [אבל] **אפשר איז עס 'דאָך' געווען אַ טעות.**

**פירט ער אָבער אויס, ניין.** [נאָר] **תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו, פאַר דער "מַעֲשֶׂה"** [של הקנאות עצמה, ובא להודיע כי גם] **די "עֲשִׂיָּה" איז געווען מרוצה פאַר הקדוש ברוך הוא,**

---

ו וכלשון רבינו להלן (אות רמח): מיטן דרך הטבע האָט ער געדאַרפט קומען צו די גרעסטע בזיונות, וואָס מ'העט גיוועען געזאָגט אף הוא לצרכיו נכנס, מ'האָט אויף אים גיוועען מוציא שם רע געווען, [ועוד] און ער [זמרי] האָט אים געקאָנט הַרְגְ'ענען [מִדִּין הבא להרגך השכם להורגו], מ'קען אויסרעכענען וואָס העט אַלעס געקאָנט געשען פאַרקערט.

KolSatmar.com

**וַיְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, ער האָט מבטל געווען פון אידן [הפירצה שנפרצה בהם], דעס איז דאָך די פירצה וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, **וַיָּחֶל הָעָם לִזְנוֹת אֶל בְּנוֹת מוֹאָב** (בלק כה, א).

**טז**

הגם וואָס ער [זמרי] האָט געמיינט, ער האָט געמיינט ענינים גבוהים, נישט אַזוי פשוט. אָבער אף על פי כן איז דאָך עס געווען אַ פירצה, ס׳האָט געשאָדט פאַר אידן, פאַר׳ן כלל ישראל. און פינחס האָט [עס] מבטל געווען.

**יז**

**דאָס איז געווען די ״מעשה״** [שהיה] **מְרוּצֶה פאַר הקדוש ברוך הוא**, [אַז] **ער איז עומד געוועזן** [קעגן] **די פירצות הדור, ער האָט געהאַט ״מסירת נפש״ עַד קְצֵה הָאַחֲרוֹן**. הרג נשיא שבט מישראל, און נתקבצו שבטו של שמעון עליו.

מיט דעם גרויסן ״מסירת נפש״ האָט ער אויפגעהויבן דעם ״כבוד שמים״, און ער האָט מבטל געווען פון אידן [ס׳זאָל נישט זיין] מער דעם גאַנצן [פירצה], **מ׳זאָל חלילה נישט האָבן קיין שלעכטע דרכים מיט קיין שלעכטע מחשבות**. אַזוי ווי ס׳איז געווען [ביניהם] די מחשבות, ווי ער זאָגט ווייטער [דער פסוק] **בְּנִכְלֵיהֶם אֲשֶׁר נִכְּלוּ לָכֶם**.

[ווי] איך וועל שוין באַלד שפּעטער (באות קכז-קלא) מסביר זיין [בשם האור החיים הק׳ והנועם אלימלך].

**יח**

זאָגט דער פסוק, חַזֶר׳ט ער איבער נאָכאַמאָל **תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹקָיו**, פאַר דער ״מעשה״, [להודיע כי] **ס׳איז מַעֲשָׂיו רְצוּיִים**.

**יט**

וממשיך הכתוב: וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת ״עוֹלָם״, שממנו ילמדו לדורות לעשות כן. ואפילו מי שאינו במדריגה גבוהה כפינחס [למסור נפשו כל כך], אבל כל מה שיכול האדם לעשות למנוע פירצות הדור, הוא עושה בזה דבר טוב וגורם נחת רוח להקב״ה

[ובזה יובן גם המשך הכתוב] **וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם, דעמאָלטס איז** עס טאַקע אַ ״נצחיות״, [וואָס] מ׳זאָל געדענקען די מעשה [לדורות].

[דאלמלי] טאָמער די מעשה איז נישט בשלימות, נאָר ווייל ער האָט ׳געמיינט׳ ערנסט, דאַרף מען דאָס נישט ׳געדענקען אייביג׳ די מעשה, ווייל די מעשה איז דעך דאָך נישט ווי ס׳ברויך צו זיין.

זאָג איך ניין, **בְּרִית כְּהֻנַּת ״עוֹלָם״**, מ׳דאַרף דאָס געדענקען אויף ״אייביג״.

**כ**

**אפילו מ׳איז נישט אינגאַנצן אין דער בחינה** [של פינחס קנאה], **דאַרף מען צו וויסן** [גודל החשיבות] **אַז מ׳זאָל עומד זיין אַקעגן די פירצות הדור!**

׳וואָס׳ מ׳קען עפּעס מונע זיין, א זאַך וואָס ס׳ווערט **נִפְרַץ** צווישן אידן, אין אַלעמען.

**דאָס איז דער רצון הבורא ברוך הוא וברוך שמו!**

**מיט דעם טוט מען אַ נחת רוח פאַר הקדוש ברוך הוא!**

**אַז מ׳איז מונע פון אידן, מ׳איז מונע פון אידן שלעכטע מעשים און די אַלע פירצות.**

KolSatmar.com

**כא**

**תפילה ובקשת רחמים קודם הדרשה[ז]**

שיזכה להרים בזה את הכבוד שמים ולגדור בעד פרצות הדור

**השם יתברך יְזַכֵּינוּ - אינעם שפלות הדור - אַז מ׳זאָל מיר די זכיה האָבן מ׳זאָל קענען ״אויפהייבן דעם כְּבוֹד שָׁמַיִם״. מ׳זאָל קאָנען ״מונע זיין די גרויסע פירצות״ וואָס זענען בעוונינו הרבים, אַזוי ווי ״ס׳איז״ בעיקבתא דמשיחא.**

**אַזוי ווי פינחס האָט דאָך דאָ זוכה געווען** [לכפר על ישראל עד היום, כדכתיב] **הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם זאָגט דער תרגום יונתן[ח] וְיֵחֵי לְחַיֵּי עָלְמָא לְמִבַשְּׂרָא גְאוּלְתָּא, אַז דאָס איז אַ נצחיות** [זכות קנאותיה דפינחס] **ביז צו דער גאולה.**

**איבערהויפּט אין די לעצטע יאָרן נאָך מער.**

**אַזוי ווי דער סוף וועט זיין** [כי פינחס שהוא] **אליהו וועט קומען און ער וועט ׳מחזיר בתשובה׳ זיין דעם כלל ישראל.** (המשך וסיום התפילה, באות כד)

**כב**

**ישוב קושיא א (דהפתיחה)**

ובזה מתורץ קושיית האור החיים הק׳ ביתור אומרו ״לאמר״, דהכוונה לאמר ״לדורות״ שממנו ילמדו וכן יעשה לקנא קנאת ה׳

**איבערדעם** [כתיב] **וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל מֹשֶׁה ״לֵּאמֹר״, ווי ער פרעגט** [האור החיים הקדוש, דכבר נאמר להלן לָכֵן ״אֱמֹר״].

[אמנם הכוונה לומר]: **מ׳דאַרף די דיבורים ״נאָכזאָגן אייביג״** [בכל הדורות], **מ׳זאָל דאָס געדענקען צווישן אידן, ווי ווייט מ׳דאַרף האָבן ״מסירת נפש״ מונע צו זיין עֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים פונעם כלל ישראל, אויף וואָס ס׳איז נאָר מעגליך!**

**מ׳ברויך דאָס אייביג געדענקען! מוז איך נאָך האָבן דער איבריגער ״לֵאמֹר״[ט].**

**כג**

וכן כפל לומר לכן ״אמור״, והכל להורות על התמדת הענין לדורות

[וגם כפל עוד הפעם באומרו לכן ״אמור״ וגו׳ ברית כהונת ״עולם״. ווייל] **די אַלע זאַכן וואָס מ׳דאַרף אייביג, וואָס די תורה הקדושה האָט געהייסן מזכיר זיין** [לדורות], **איז נאָכאַמאָל די זעלבע** [לשון, דכפל הלשון מורה על התמדת הענין לדורות].

**כד**

**השם יתברך זאָל העלפן מ׳זאָל די זכיה האָבן, מ׳זאָל טאַקע זאָגן דיבורים** [שהם] **לרצון פאַר הקדוש ברוך הוא. מ׳זאָל די זכיה האָבן מ׳זאָל זיין, דבוק זיין אין רצון הבורא ברוך הוא, אין דרך האמת, אין דרך התורה.**

**מ׳זאָל מְכַוֵּן זיין אל האמת, מיט די דיבורים און די מעשים[י].**

---

[ז] רבינו היה נוהג בכל ״דרשה״ שדרש לפני הקהל (בתור ׳דרשת רב העיר׳ וכדומה), להקדים בתחילה ״פתיחה להדרוש״, ובו תפילה לפני השי״ת שדיבוריו יהיו לרצון לפני אדון כל ויעשו רושם לטובה. וזהו מלבד מה שלפני תחלת הדרש היה מחזיר פניו לארון הקודש והתפלל תפלה קצרה בינו לבינו קונו, טרם שהחזיר פניו כלפי העם (וזה נהג גם בדרשות הימים נוראים). [וכל זה על דרך תפילת רבי נחוניא בן הקנה קודם הלימוד, עיין ברכות (כח:)].

ועל דרך זה היה רגיל רבינו לפרש לשון הגמרא ״שואלין ודורשין״ בהלכות הפסח קודם לפסח, דבתחלה ״שואלין״ בקשת תחנונים מלפני השי״ת, ואח״כ ״דורשין״ לפנין הקהל. ועיין זה **בדברי יואל** ויקרא (עמוד פד), חקת (עמוד פד), ולשבת שובה (אות יח).

[ח] **בתרגום יונתן** (על הפסוק לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם): בִּשְׁבוּעָא אֵימַר לֵיהּ מִן שְׁמִי, הָאֲנָא גָּזַר לֵיהּ יָת קְיָמִי שְׁלָם, וְאֶעְבְּדִינֵּיהּ מַלְאַךְ קְיָם, וְיֵחֵי לְעָלְמָא לְמִבַשְּׂרָא גְאוּלְתָּא בְּסוֹף יוֹמַיָּא.

[ט] ועל דרך שדרשו בכמה מקומות ״לאמר לדורות״.

[י] וכמו שהיה בפינחס שגם ״המעשה״ שלו היתה רצויה לפני המקום.

KolSatmar.com

כה

# התחלת עיקר הדרשה - בדברי אגדה

## קושיות ודיוקים בפרשת פינחס

נאָר לאָמיר זען.
אַסאַך ענינים וואָס ס׳איז דאָ שווער צו פאַרשטיין.

לא

קושיא ו

קושיית האור החיים הק׳: להבין כוונת הפסוק צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים וְהִכִּיתֶם אוֹתָם, והלא עדיין לא הגיע אז זמן הנקמה, דרק להלן בפרשת מטות נצטוו על זה בפסוק נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וגו׳. ובעיקר יש להבין הלשון ״וְהִכִּיתֶם אוֹתָם״, שלשון זה דחוק אף לפי תירוצו של האור החיים הק׳

**צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים** [וְהִכִּיתֶם אוֹתָם].

ו) אויך דער **אור החיים הקדוש** פרעגט[א], וואָס איז דער [כוונת הפסוק] **צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים וגו׳**, לכאורה איז עס נישט אויפן פלאַץ, אין די אַנדערע סדרה [פרשת מטות (לא, ב)] שטייט דאָך הערשט **נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֵת הַמִּדְיָנִים**, וואָס איז דער **צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים וגו׳** [שהקדים לאומרו כאן בפרשה זו].

[ואף לפי תירוצו[ב] צריך עוד ביאור לפי פשוטו אומרו ״והכיתם אותם״, שהרי] דאָ איז דאָך נאָכנישט געווען דער ציווי פון **״וְהִכִּיתֶם אוֹתָם״**.

לז

נאָך איז דאָ ענינים וואָס וועלן קומען [ביאורם] בתוך הדברים.

[כאן האריך רבינו בדבר הלכה בפלפול בסוגיא דפרוזבול]

קכו

וועל מיר צוקומען צו די ענינים וואָס מ׳האָב מיר דאָ אָנגעהויבן **בדברי אגדה**.

קכז

## ביאור הפסוק צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים

### ישוב קושיא ו - בכוונת הפסוק צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים

תירוץ האור החיים הקדוש: דכיון שהם החטיאו ישראל והכניסו בהם הרהורים ומחשבות לא טובות, על כן נצטוו להשניאם ולחכות ליום נקם, כדי לגרש מלבם אלו המחשבות לא טובות. וזה שמסיים הפסוק כִּי צֹרְרִים הֵם לָכֶם ״בְּנִכְלֵיהֶם״ אֲשֶׁר נִכְּלוּ לָכֶם, היינו המחשבות והרהורים שהכניסו בתוך לבבכם

דער **אור החיים הקדוש** זאָגט[ג], [לפרש כוונת הפסוק] **צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים וְהִכִּיתֶם אוֹתָם, כִּי צֹרְרִים הֵם לָכֶם בְּנִכְלֵיהֶם אֲשֶׁר נִכְּלוּ לָכֶם עַל דְּבַר פְּעוֹר.**

---

[א] הובא לשונו לקמן בהערה יג, עיי״ש הקושיא בתחלת לשונו שם.

[ב] תירוץ האור החיים הקדוש מובא להלן בדברי רבינו (אות קכז) בהתירוצים, איך שענין הכתוב היה שייך אז תיכף ומיד. ורבינו מוסיף אח״כ מדיליה לבאר גם הלשון ״והכיתם אותם״ האיך היה זה שייך מיד, אף קודם שהלכו למדין לנקום נקמת בני ישראל.

KolSatmar.com

**די קשיא איז דאָך** (כדלעיל אות לא) **ס׳איז נישט אויפן פּלאַץ** [מאמר צרור את המדינים וגו׳, שהרי] **מ׳האָט דאָך נאָכנישט געהייסן דאָ אָט דעס** [ענין פון] **הֵחָלְצוּ מֵאִתְּכֶם וגו׳** (מטות לא, ג), **נְקֹם נִקְמַת** [בְּנֵי יִשְׂרָאֵל] **מֵאֵת הַמִּדְיָנִים, ס׳איז דאָך הערשט די אַנדערע וואָך** [בפרשת מטות, הציווי לנקום מן המדינים].

**קכח**

**זאָגט דער אור החיים הקדוש, דאָס איז אַן אַנדערע ציווי.**

**קכט**

**וואָרן אידן זענען דאָך דאָ געווען, אידן האָבן געהאָרעוועט דאָ איבער דעס וואָס ס׳איז געווען. דורך די מעשה - עַל דְּבַר פְּעוֹר - האָבן זיך צושפּרייט צווישן אידן חלילה הרהורי זנות, און הרהורי עבודה זרה,** [און] **פון דעם איז זייער שווער פָּטוּר צו ווערן.** [וכדכתיב] **וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם** (שלח טו, לט), [ודרשו בגמרא (ברכות יב:) אַחֲרֵי לְבַבְכֶם זו מינות, וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם זו הרהור עבירה].

**דער אייבערשטער זאָל שומר ומציל זיין, אַז ס׳קומט אַראָפּ אין דור אַ פּירצה פון ׳הרהורי תאוות׳, און חלילה הרהורים אין דער ׳אמונה׳, איז זייער שווער פטור צו ווערן.**

**ממילא מוז מען פאַרפּיינטן - זאָגט דער אור החיים הקדוש - די אַלע, די וואָס זיי ברענגען דאָס, די מוז מען פאַרפּיינטן.**

**איז א מצוה** [בפני עצמו, אַז] **זיי זאָלן זיין שְׂנוּאִים בְּעֵינָיו.**

**וואָרן ווען נישט חלילה, איז מען כָּרוּךְ נאָך זיי, ווערט מען נישט פָּטוּר די ׳מחשבות׳ מיט די ׳געדאַנקען׳** [המושכים את לבו] **אַז מ׳זאָל נאָך זיי נאָכגיין.**

---

[ג] **באור החיים הק׳** (כה, יז): **צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים וכו׳.** ונראה לפרש בהעיר למה צוה ה׳ מצוה זו שלא בזמנה, כי מצינו שאחר כך הוצרך ה׳ לצוות לומר נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים, הא למדת כי מאמר זה לא היה בזמן הנקמה.

אכן נתכוון ה׳ במאמר זה **לתקנתם של ישראל,** לפי שכל אשר יטעום טעם חטא הטבעי השולט באדם שלא לרצונו, לוּ יהיה שלא טָעֲמוֹ אלא בבחינת ׳החושב׳, קשה הוא להפרידו וכו׳. וכל עוד שלא נפרד מהחוטא תאות הדבר ותשוקתו אליו, הוא מושלל מהכפרה וכו׳. ומה שלפנינו, עַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל טָעֲמוּ עֲרֵיבַת הזנות, מהם במעשה, מהם במחשבה. גם נדבקו בפעור, דכתיב (בלק כה, ג) וַיִּצָּמֶד יִשְׂרָאֵל לְבַעַל פְּעוֹר וכו׳. **וְחָפֵץ ה׳ לרפאותם** בעצת ה׳ הנכונה כדי לסלק מעליהם המגפה, שהלא תמצא שהיתה המגפה בישראל עד אשר ספו תמו כל הנצמדים לבעל פעור וכו׳.

ויעץ ה׳ ואמר צרור את וגו׳, הכוונה בזה ׳להקדים׳ לשנוא המחטיאים, גם להתעיב ׳הֶעָרֵב והטוב׳ הבא מהם, לְאַבֵּד כל עץ נחמד, וכל מעיין מתוק וכל טוב הבא מהם, על אשר גרמו להם עשות רע. והוא על דרך אומרו (תהלים קלט, כא) הֲלוֹא מְשַׂנְאֶיךָ ה׳ אֶשְׂנָא, פירוש מְשַׂנְאֶיךָ כאלו אמר מַשְׂנִיאֶיךָ, שגורמים לְשִׂנְאַת בְּחוֹר בַּטּוֹב, כדרך שדרשו ז״ל (שבת קיד.) בפסוק כָּל מְשַׂנְאַי אָהֲבוּ מָוֶת (משלי ח, לו) אל תקרי [מְשַׂנְאַי אלא מַשְׂנִיאַי] וכו׳. ובאמצעות מחשבה זו [להשניאם], תהיה מתרחקת תאות העבירה מהם, ותהיה להם לזרה. כי על העבר שונאים הסובב, ויולד בהם טבע אלקיי. ומדה זו מדה ״סגוליית״ היא לחפץ בחיים, ובזה יתכפר עון הקודם במחשבת עבודה זרה, גם בארס תאות הניאוף, ולא יהיה בהם נגף.

והוא מאמר הכתוב כאן, **צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים,** פירוש יהיו לכם בגדר ״צַר ואויב״ לְשִׂנְאָתָם, ולשנוא כל הֶעָרֵב מהם **להשחית עָצָם ולקלקל מעינותיהם,** זה תמורת מה שהתאוו להם, **וזו היא אחד מתקוני התשובה.** ואמר צָרוֹר לשון הווה, פירוש יגבירו בהם השנאה עד גדר שיהיה נקבע בהם טבע הצרירות. **ואמר וְהִכִּיתֶם אוֹתָם,** פירוש תחכו ליום נקם שתכו אותם, ולזה לא אמר וְהַכּוּ אותם [בלשון ציווי], כי אין זמנו עתה. **ואמר כִּי צֹרְרִים וגו׳,** הכוונה בזה לומר תנאי הוא הדבר שהשנאה ואיבות שתהיה לכם, לא על שסבבו נפילה בישראל, שאם כן נאבדה הכוונה של תיקון החטא, אלא כי צוררים הם וגו׳ **עַל דְּבַר פְּעוֹר** אשר החטיאו אתכם בעבודה זרה, **וְעַל דְּבַר כָּזְבִּי וגו׳** שגרמו לכם להכשל בזנות וכו׳.

והכוונה בעיקר המאמר להעירם בשנאה טבעית, שהיו סיבה לחרות אף ה׳ בעם. ואין לטעות שהכוונה בזה היא שישנאום בשביל המגפה, שכבר אמר כי צוררים וגו׳, שלא יצררו אותם אלא על דבר פעור וגו׳.

KolSatmar.com

### קל

זאָגט דער אור החיים הקדוש, "צָרוֹר" אֶת הַמִּדְיָנִים, דו ברויכסט זיי "פאַרפיינטן", כאָטש ס׳איז נאָכנישט [הגיע הזמן לנקום מהם ולהכותם, תדעו ותצפו כי] דער סוף וועט זיין וְהִכִּיתֶם אוֹתָם.

אָבער ביז דערווייל, ביז ס׳וועט זיין וְהִכִּיתֶם אוֹתָם, מוז זיין צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים, דו מוזט זיי פאַרפיינטן. וואָרן אַז נישט, איז כִּי צֹרְרִים הֵם לָכֶם ׳בְּנִכְלֵיהֶם׳, זיי טועָן אייך וויי מיט די ׳מחשבות׳, זיי ברענגען אַריין ווייטער מחשבות [לא טובות], הרהורים רעים, און הרהורי עבירה.

### קלא

וכן בנועם אלימלך כתב גם כן לפרש כוונת הפסוק על דרך זה, ממש כפי׳ האור החיים הק׳

אַ פלא, כעין זה ממש שטייט אין **נועם אלימלך**[יד].

זאָגט ער, ווילאַנג דער מחטיא, ווילאַנג דער מזיק איז דאָ, ברענגט ער אַריין מחשבות רעות, איבערדעם וְהִכִּיתֶם אוֹתָם.

זאָגט ער אויכעט, אַזאַ בחינה זאָגט ער אין **נועם אלימלך**, דאָס זעלבע ווי דער **אור החיים הקדוש**.

### קלב

ישוב קושיא ו - בביאור הלשון "והכיתם אותם"

הוספת נופך על פירוש האור החיים הק׳: דלכאורה אכתי צ״ב לשון "וְהִכִּיתֶם אוֹתָם" שאינו במקומו, כי עדיין לא הגיע אז זמן ההכאה. ומה שמתרץ דהכוונה לחכות על יום ההכאה, הוא דחוק קצת בלשון הפסוק

איך האָב געקלערט [צו] מוֹסִיף נוֹפֶךְ זיין [על דבריהם הקדושים].

לכאורה דער "וְהִכִּיתֶם אוֹתָם" איז דאָך נישט אויפן פלאַץ.

ער זאָגט [האור החיים הק׳, דהכוונה] דער סוף וועט זיין [שֶׁתַּכּוּ אותם, ותחכו מעתה ליום נקם. אבל הוא דחוק קצת בהלשון].

### קלג

ולכן נראה דכוונת הפסוק הוא על דרך הפסוק ארור "מכה" רעהו בסתר, שפירש״י דעל "לשון הרע" הוא אומר

נאָר [לדרכינו יש לומר, דהנה] **רש״י זאָגט** [בפסוק] **אָרוּר מַכֵּה רֵעֵהוּ בַּסָּתֶר** (תבא כז, כד), זאָגט רש״י על לשון הרע הוא אומר.

[ונמצא] אַז מ׳רעדט לשון הרע, דאָס הייסט "מַכֵּה" רֵעֵהוּ[טו].

---

[יד] **בנועם אלימלך** (בפרשתן): צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים כו׳ עַל דְּבַר פְּעוֹר וְעַל דְּבַר כָּזְבִּי כו׳. ויש לדקדק אומרו כִּי צֹרְרִים כו׳ בהוה, על דבר העבר ונתהוה כבר. וגם אומרו בְּנִכְלֵיהֶם שפירוש "המחשבה", וכי במחשבה לבד הרעו לישראל, הלא גם פעלו המעשה גם כן בדבר פעור וכזבי, כנאמר.

ונראה לפרש כי עיקר כוונת הבורא ברוך הוא בנקמתו במדין, היה מחמת גודל המחשבות והרהורים רעים שנתהוו לישראל על ידם, בדברם בסיפור המעשה דפעור, או מעשה דכזבי, ועל ידי הדיבור שדברו בם נפלו לישראל הרהורי תאויות. והכלל בזה שבכל עבירה נברא קליפה רחמנא ליצלן, וכל זמן שהקליפה בעולם אזי נופלים מחשבות רעות לאדם מאותם העבירה, וצריך האדם הַשָּׁב לבער הקליפה ההיא מן הארץ. וגם בנידון דידן, כל זמן שהיו אותם הרשעים הַמִּדְיָנִין בעולם, אז היו עדיין הרהורי עבירה דפעור שולטים בישראל, לבלבל להם המחשבה, ולכך נצטוה משה רבינו עליו השלום לנקום בהם נקמת ד׳. וזהו כִּי צֹרְרִים לָכֶם בהוה, פירוש עדיין הם צוררים לכם, ומפרש הכתוב במה, בְּנִכְלֵיהֶם אֲשֶׁר נִכְּלוּ לָכֶם עַל דְּבַר פְּעוֹר, פירוש באותן המחשבות הרעות המתהוים לכם בדברכם במעשה דפעור, וְעַל דְּבַר כָּזְבִּי כו׳, ולכך תבערו אותם מן הארץ ותהיו טהורים וקדושים, וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ אמן כן יהי רצון.

[טו] כי הַמְסַפֵּר לשון הרע על רעהו, מכה אותו בְּשׁוֹט לשונו כמי שמכהו בכלי זיין, וכן מבואר בכמה מקראות, וכגון הא דכתיב (ירמי׳ ט, ז) חֵץ שָׁחוּט לְשׁוֹנָם, וכתיב (תהלים נז, ה) וּלְשׁוֹנָם חֶרֶב חַדָּה. (מקונטרס חידו״ת ודרשות מא״י).

KolSatmar.com

### קלד

**ומשמיענו הפסוק שלא נמנע עצמינו מלספר לשון הרע על מחטיאי הרבים, כי אדרבה מצוה לפרסם גנותם ולדבר ״לשון הרע״ עליהם, כדי שלא יכשלו במצודתם**

**איבערדעם זאָגט אונז דער פסוק, אַז די וואָס זענען דיר מזיק און זענען דיך מחטיא, טאָרסטו דיך נישט היטן פון קיין ״לשון הרע״.** [ווייל] **אַז נישט, ווערסטו כרוך נאָך אים.**

**איבערדעם איז ״וְהִכִּיתֶם״ אוֹתָם, מיינט מען די בחינה וואָס ס׳שטייט דאָרטן, אָרוּר ״מַכֵּה״ רֵעֵהוּ.**

**דאַרפסט דיך נישט ״צוריקהאַלטן״** [מְלְּסַפֵּר בגנותם ולדבר עליהם לשון הרע], **נאָר ״אויסזאָגן״ דעם גרויסן נזק און דעם פגם, וואָס זיי מאַכן ״אומגליקליך״ דעם ״כלל ישראל״, מיט שלעכטע דרכים, מיט עבירות, מיט הרהורים רעים.**

### קלה

**איבערדעם זאָגט ער צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים ״וְהִכִּיתֶם אוֹתָם״, כִּי צֹרְרִים הֵם לָכֶם בְּנִכְלֵיהֶם.**

**מ׳זעט** [מה שאירע] **דעמאָלטס, מ׳איז אַריינגעפאַלן בעוונינו הרבים וואָס מ׳איז אַריינגעפאַלן, מ׳האָט מחטיא געווען את ישראל מיט בלעם׳ס עצה.**

**האָט די תורה הקדושה אַזויפיל מזהיר געווען** [להשניא את המחטיאים ולְגַנּוֹת אותם].

### קלו

**עוד מדברי האור החיים הקדוש**

מבואר במדרש דאף שבעלמא יש לאו שלא להשחית עֵץ מַאֲכָל, אבל במדין ומואב נצטוו אף להשחית עֵץ מַאֲכָל שלהם, ולסתום את מעיינותיהם. ועל זה הקשה האור החיים הק׳ למה נצטוו כן, והלא יותר צער היה להם אם היו מקיימים הפסוק וְאָכַלְתָּ אֶת שְׁלַל אֹיְבֶיךָ, והיו ישראל שוללים פירותיהם

**דער אור החיים הקדוש זאָגט נאָך עפּעס דאָ**[טז]**.**

**ס׳איז אַ מאמר חכמינו ז״ל**[יז] **אויפן פסוק צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים, לפי שנאמר לֹא תַשְׁחִית אֶת עֵצָהּ** (דברים כ, יט) **זאָלסט נישט פאַרדאַרבן קיין ״עֵץ מַאֲכָל״, דאָ זאָלסטו**

---

[טז] **באור החיים הק׳** (שם, בתחלת דבריו)**: צרור את המדינים וגו׳. צריך לדעת למה כָּפַל ׳צרור והכיתם׳.**

ורבותינו ז״ל (במדב״ר כא, ו) הרגישו ואמרו כי נתכוון בזה לומר שהגם שצוה ה׳ (דברים כ, יא-יט) כי תצור אל עיר וגו׳ לא תשחית את עצה וגו׳, זו אומה קלה ובזויה להשחית את עצה וגו׳, עד כאן. וצריך לדעת מה נקמה היא זו למדין, ואדרבה היה להם לקיים וְאָכַלְתָּ אֶת שְׁלַל אֹיְבֶיךָ (שם, יד), שזה הוא להם יותר נקמה ודאבון נפש. וכיוצא בזה מצינו בקללות התורה (בחקותי כו, טז) וַאֲכָלֻהוּ אֹיְבֵיכֶם.

עוד צריך לדעת אומרו כי צוררים, למה הוצרך לנתינת טעם.

ולפי דברי רבותינו ז״ל שאמרו שבא לומר ישחיתו עצה וכו׳, יש לנו מקום לומר שבא לתת טעם לביטול מצות לֹא תַשְׁחִית וגו׳ במקום הזה, ״כִּי״ צֹרְרִים [וגו׳]. ובתנחומא אמרו וז״ל, צרור וגו׳ למה, כי צוררים וגו׳, מכאן אמרו הבא להורגך וכו׳, ולדברי תנחומא בא הכתוב להודיעך משפט הבא [להורגך] וכו׳, וזה דרך דרש.

[ואח״כ המשיך האור החיים הקדוש לפרש עוד, דענין הכתוב הוא להשניאם, ובזה יובן היטב מה שלצורך זה צוה גם להשחית עצם, וכדהובא המשך לשונו לעיל בהערה יג].

[יז] **בתנחומא** (סימן ג) **ובמדרש רבה** (כא, ו)**: דבר אחר צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים, אע״פ שכתבתי בתורתי כִּי תִקְרַב אֶל עִיר לְהִלָּחֵם עָלֶיהָ לְתָפְשָׂהּ לֹא תַשְׁחִית וגו׳, לאלו לא תעשה כן, אלא חבלו אילנותיהם. וכן אַתְּ מוצא בשעה שהלך יהורם מלך ישראל ויהושפט מלך יהודה ומלך אדום להלחם במואב, וַיָּסֹבּוּ דֶּרֶךְ שִׁבְעַת יָמִים וְלֹא הָיָה מַיִם לַמַּחֲנֶה וְלַבְּהֵמָה אֲשֶׁר בְּרַגְלֵיהֶם, התחילו בוכים, וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אֲהָהּ כִּי קָרָא ה׳ לִשְׁלֹשֶׁת הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה לָתֵת אוֹתָם בְּיַד מוֹאָב, השיבו יהושפט הַאֵין פֹּה נָבִיא לַה׳ וְנִדְרְשָׁה אֶת ה׳ מֵאוֹתוֹ** (מלכים ב׳ ג, ט-יא) **וכו׳. ובשכר שירדו לפני הנביא זכו לראות כל הנסים. כשראה מלך ישראל את אלישע** [הנביא] **אמר אלישע וכו׳, ועוד אמר להם, המואבים נופלים בידכם וְהִכִּיתֶם כָּל עִיר מִבְצָר וְכָל עֵץ טוֹב תַּפִּילוּ וְכָל מַעְיְנֵי מַיִם תִּסְתֹּמוּ. אמרו ליה,**

KolSatmar.com

**אויף דעם נישט קוקן, נאָר זאָלסט אפילו אויסהאַקן זייער עֵץ מַאֲכָל. אַזוי איז אַ מאמר חכמינו ז״ל.**

**פרעגט דער אור החיים הקדוש ס׳איז** [דאָך] **נישט קיין שום סברא, אַז מ׳דאַרף זיי וויי־טון, זיך נוקם זיין, נו פאַרוואָס דאַרף מען אויסהאַקן די ״עֵץ מַאֲכָל״, אדרבה** [יאכלו בני ישראל מהם, און] **ס׳איז נאָך מער ווייטאָג, וְאָכַלְתָּ אֶת שְׁלַל אֹיְבֶיךָ שטייט דאָך** (דברים שם, יד)**, ס׳איז נאָך מער ווייטאָג פאַר יענעם אַז יענער עסט פונעם זייניגן.**

**קלז**

**זאָגט ער, וואָס האָט מען נישט געקאָנט באַשטיין, אַז מ׳זאָל הייסן** [לקחת שללם ופירותיהם, ולא להשחית את עצם]. – **און ס׳איז געשען גאָר א נס**[יח]. –

**קלח**

ומתרץ האור החיים הק׳: כי מכיון שנצטוו לשנאותם, אין ליהנות מפירותיהם.

והכוונה, דאם נהנין מממונם אי אפשר שתהיה השנאה חזקה כל כך

**זאָגט ער, איז דער אור החיים הקדוש מסביר, וואָרן אַז דו ווילסט ס׳זאָל דיר נישט שאַדטן** [׳נכליהם׳ אשר נכלו לכם] **ברויכסטו אים ׳פאַרפיינטן׳,** [און] **אַז דו ביזט שוין עפּעס ׳נהנה׳ פון זיינע פירות, איז ער דיר שוין נישט אַזוי ׳פאַרפיינט׳, וועסטו פון אים נשפע ווערן, וועסטו שוין נאָכדעם ׳נאָכגיין׳ נאָך אים**[יט]**.**

**קלט**

**איבערדעם זאָגט ער, צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים, ווייל ׳זיי׳ זענען צֹרְרִים הֵם לָכֶם בְּנִכְלֵיהֶם, זאָלסטו משחית זיין אפילו די ״עֵץ מַאֲכָל״ זייערער.**

**כאָטש ס׳איז דאָ אַ לאו אין די תורה לֹא תַשְׁחִית אֶת עֵצָהּ, אַז מען טאָר נישט אויסהאַקן קיין ״עֵץ מַאֲכָל״. אָבער אַזאַ׳ן עֵץ מַאֲכָל וואָס ס׳קומט פון אַזעלעכע וואָס זענען דיך מחטיא, וואָס ברענגען דיך צו עבירות, זאָלסטו ניטאַמאָל נהנה זיין פון זייער ״עֵץ מַאֲכָל״.** [עד כאן מדברי האור החיים הק׳].

**קמ**

# ביאור ענין בליעת רכושו של קרח

### ממה שאמרתי על הספינה בפרשת קרח

מבואר במדרש דאפילו ״מחט״ שהיתה ״שאולה״ בידי אחרים נבלע עמהם בדרך נס,

ע״י שנעשה הארץ מדרון כמשפך, ונתגלגל המחט עד מקום שנבלע קרח

**איך האָב געזאָגט היצט אויף די שיף** [על הדרך לארץ ישראל בשבת פרשת קרח] **כעין זה, די בחינה, ביי קרח׳ן.**

---

הקב״ה אמר לֹא תַשְׁחִית אֶת עֵצָהּ ואתה אומר וְכָל עֵץ טוֹב תַּפִּילוּ, אמר להם על כל האומות צוה, וזו קלה ובזויה היא, שנאמר (מלכים שם, יח) וְנָקַל זֹאת בְּעֵינֵי ה׳ וְנָתַן אֶת מוֹאָב בְּיֶדְכֶם, שנאמר (תצא כ, ז) לֹא תִדְרשׁ שְׁלֹמָם וְטֹבָתָם, אלו אילנות טובות, לכך נאמר צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים.

[יח] בימי יהושפט, כשלחמו עם מלך מואב ונצטוו להשחית עצם, כבלשון התנחומא דלעיל. (כ״נ בדרך אפשר).

[יט] וידוע מה שסיפר רבינו ממה ששמע מפי הגה״צ ר׳ משה קליערס זצ״ל אב״ד טבריא, שפעם כשהציעו לו הציונים לקבל מהם תמיכה לצורך התלמוד תורה, באומרם שהם לא יתערבו כלום בעניני החינוך, השיב לעומתם שאם יקבל מהם ממון לא יצטרכו הם להתערב בהחינוך, אלא הוא בעצמו ירדוף אחריהם לעשות כרצונם. ורבינו שיבח מאוד את תשובתו, ואמר עליו שהיה איש חכם ונבון. [הענין מובא בכמה ספרים, ומהם בחידושי תורה למסיבות פרשת בראשית (ממה שאמר רבינו באסיפה לפני התייסדות קרן הצלה)].

KolSatmar.com

[דכתיב שם] (קרח טז, לב) **וַתִּפְתַּח הָאָרֶץ** [אֶת פִּיהָ וַתִּבְלַע אֹתָם וְאֶת בָּתֵּיהֶם וְאֵת כָּל הָאָדָם אֲשֶׁר לְקֹרַח], ס׳האָט איינגעשלינגען הֵם **וְאֵת כָּל הָרְכוּשׁ**, את טפם ואת כל הרכוש.

**חכמינו ז״ל** זאָגן [על זה[כ], כי] אַז ס׳איז געווען עפּעס אַ ״נאָדל״ בשאלה [=געבאָרגט] ביי אַן אַנדערן מענטש, [ביי סתם] איין איד, איז די ׳ערד׳ געוואָרן כְּמַדְרוֹן [=שיף פון אַלע זייטן, און] דער נאָדל האָט זיך געקוילערט ביז אַהין צו קרח׳ן, און ס׳איז נבלע געוואָרן מיט קרח אינאיינעם.

**קמא**

ולכאורה קשה למה היה צורך לעשות נס לזה, וכי מה חסרון היה אם היה נשאר איזה זכר מרכושו של קרח, ממה שבלאו הכי כבר היה נמצא בבית אחרים

לכאורה וואָס האָט דער ״נאָדל״ געזינדיגט, וואָס האָט מען נישט געקאָנט באַשטיין - אַז אַ איד האָט עס געהאַט בשאלה - אַ איד זאָל זיי יַרְשְׁ׳נען, מ׳האָט אַוועקגענומען די גאַנצע משפחה [כָּל הָאָדָם אֲשֶׁר לְקֹרַח דתן ואבירם] ס׳איז נישט געבליבן קיין יורש, און אַז דער נאָדל וועט בלייבן [וואָס האָט מען נישט געקענט באַשטיין].

מילא ביי סתם [רכושם שהיה אצלם בביתם, שנבלע בארץ], אָבער וואָס איז דען אַ פּעלער אַז דאָס וועט בלייבן [מה שנשאל וכבר הוא בבית אחרים].

וואָס האָט מען דאָס אַזוי [געדאַרפט מאַכן] אַזעלכע ניסים ונפלאות, אַז די ׳ערד׳ אפילו [שבכל סביבותיהם] איז געוואָרן מַדְרוֹן, [און] ס׳האָט זיך געקוילערט, [כדי] ס׳זאָל נישט בלייבן קיין נאָדל פון קרח׳ס פאַרמעגן.

**קמב**

אמנם היה צורך גדול בזה, יען כי קרח היתה השפעתו גדולה להכנים דיעותיו ושיטתו בקרב ישראל

[וביארתי הענין, דהנה] ער האָט דאָך געהאַט אַ גרויסן כח [השפעה] - זעט אויס, - ער האָט אַריינגעברענגט אין אידן קעגן משה רבינו׳ן, קעגן די תורה הקדושה. [ולכן] אפילו ׳וואָס׳ איז געשען מיט אים [שנאבד מתוך הקהל], האָט מען אַלץ מורא געהאַט, [שמא] די ״דעה״, די ״שיטה״ [שלו] וועט בלייבן צווישן אידן.

**קמג**

ואם היה נשאר איזה זכר מרכושו והיו ישראל נהנין מזה, היו נוטין אחרי שיטתו.
ולכן איבד הקב״ה את כל רכושו כדי לעקור כליל את כל דיעותיו מקרב ישראל

אַז מ׳איז נהנה פון אַזאַ איינעם, דאָס איז אַ מין שוחד, דאָס איז מעוור עינים, גייט מען נאָך די שיטה [שלו].

הקדוש ברוך הוא האָט געוואָלט מ׳זאָל דאָס עוקר זיין די ״שיטה״ פון קרח׳ן, האָט מען נישט געטאָרט איבערלאָזן [כלום מרכושו, כדי] אַ איד זאָל נישט הנאה האָבן ניטאַמאָל אַ נאָדל פון זיינס[כא].

---

[כ] במדרש רבה קרח (יח, יג): וַתִּפְתַּח. אמר רבי יהודה באותה שעה נפתחו לארץ פיפיות הרבה, שנאמר (עקב יא, ו) בְּקֶרֶב כָּל יִשְׂרָאֵל. אמר רבי נחמיה והרי כתיב וַתִּפְתַּח הָאָרֶץ אֶת ״פִּיהָ״, אמר לו והיאך אַתְּ מקיים בְּקֶרֶב כָּל יִשְׂרָאֵל, אלא שנעשית הארץ כְּמַשְׁפֵּךְ וכל היכן שהיה אחד מהם היה מתגלגל ויורד ובא עמו, נמצאת מקיים בְּקֶרֶב כָּל יִשְׂרָאֵל ומקיים וַתִּפְתַּח הָאָרֶץ אֶת פִּיהָ. וְאֵת כָּל הַיְקוּם (עקב שם) זה הממון שמעמיד את הרגלים. רבותינו אמרו, אפילו היו כלים ביד הכובס היו מתגלגלין ובאין ונבלעין עמהן. אמר רבי שמואל בר נחמני, אפילו מחט שהיתה שאולה ביד ישראל מידם אף היא היתה נבלעת, שנאמר (קרח טז, לג) וַיֵּרְדוּ הֵם וְכָל אֲשֶׁר לָהֶם חַיִּים שְׁאֹלָה. וכל כך למה, שחלק על הקב״ה.

[כא] ועיין עוד בדברי רבינו בכינוס הכללי נשא תשכ״א (במקוצר): כ׳האָב אַמאָל געזאָגט, ס׳שטייט ביי קרח׳ן וַתְּכַס עֲלֵיהֶם הָאָרֶץ, די ערד האָט זיי צוגעדעקט, וַיֹּאבְדוּ מִתּוֹךְ הַקָּהָל. [וצ״ב] נו לכאורה אַז די ערד האָט זיי צוגעדעקט, ווייסט מען שוין אַליין אַז זיי זענען נישט מער געווען ביי קהל, וואָס איז דער וַיֹּאבְדוּ מִתּוֹךְ הַקָּהָל.

KolSatmar.com

קמד
והוא כעין הבחינה של הפסוק צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים, דכל מי שמחטיא אחרים במעשים
או בדיעות צריך להרחיק עצמו שלא ליהנות מהם כלום, כדי שלא לישפע אחריהם

**דאָס איז די זעלבע בחינה.**

**ס׳איז די זעלבע בחינה ווי** [הציווי של] **צָרוֹר אֶת הַמִּדְיָנִים, ווי דער אור החיים הקדוש זאָגט, אַז מ׳האָט געמוזט משחית זיין דעם עֵץ מַאֲכָל.**

קמה
**היוצא** מכל זה לעניננו:

[ומזה יכולין ללמוד] **עד היכן הדברים מגיעים, ווי ווייט מ׳ברויך זיך צו ״היטן״** [מליהנות מן הרשעים]**, און מ׳ברויך ״עוקר״ צו זיין** [דיעותיהם]**, און מ׳ברויך זיך ״מרחיק״ צו זיין** [פון] **דעס וואָס ס׳ברענגט צו עבירות רעות, צו תאוות.**

קמו
# ביאור ענין ״שעבוד מלכיות״ המעכב

בגמרא מבואר דההתנצלות על החטאים הוא, שהיצר הרע והשעבוד מלכיות הם הם המעכבים מלעשות רצונו יתברך.

**איך האָב עס** [שוין] **געזאָגט**[כב]**.**

---

נאָר שטיין שטייט אַז דאָס גאַנצע פאַרמעגן [נבלע], אפילו אַז ס׳איז געווען אַ מחט שאולה, איינער האָט געהאַט אַ געליגענע נאָדל פון קרח׳ן, איז די ארץ געוואָרן ככברה און ס׳האָט געפירט די נאָדל איז אַריינגעגאַנגען אַהין דאָרטן, און נבלע געוואָרן מיט קרח׳ן צוזאַמען. [ולכאורה הרי] אונז האָב מיר אַ קיימא לן קודשא בריך היא לא עביד ניסא למגנא, בחנם טוט מען נישט קיין נסים.

[בשלמא בליעת קרח עצמו] ס׳האָט ״געמוזט״ געשען די מעשה מיט קרח׳ן, ווייל ער איז געגאַנגען אַקעגן משה רבינו׳ן, און ס׳רירט דאָך אָן אין די גאַנצע תורה אין די גאַנצע אמונה, אָבער וואָס העט גיווען געשעאָדט אַז די נאָדל בלייבט אינדרויסן, פאַר דעם זאָל געשען אַ נס? ס׳מוז דאָך האָבן אַ טעם.

נאָר וואָס׳זשע דען, דער רמב״ם זאָגט אין ספר המורה (חלק ג, לז), פאַרוואָס די תורה האָט געזאָגט אַז וְלֹא יִדְבַּק בְּיָדְךָ מְאוּמָה מִן הַחֵרֶם, אַז מ׳טאָר פון דאָרט גאָרנישט נהנה זיין. ווייל ס׳איז דאָ מענטשן אַז זיי זענען נהנה פון אַ זאַך רעדן זיי זיך איין אַז דאָס איז זייער הצלחה, זענען זיי נאָך דעם פאַרפירט, קען מען זיי נישט אַראָפּפירן, [ממילא] אַז זיי ווען נהנה זיין מִן הַחֵרֶם וועלן זיי וויסן דאָס האָט זיי געגעבן הצלחה, וועלן זיי זיך נישט קענען אָפּרייסן פון דער עבודה זרה, דו מעגסט זאָגן וואָס דו ווילסט, זיי האָבן פון דאָרט נהנה געווען, און זיי האָבן זיך איינגערעדט דאָס איז זייער הצלחה. האָט די תורה געזאָגט ניין, מ׳זאָל וויסן, דו טאָרסט פון דאָרט נישט נהנה זיין, אַז דו וועסט פון דאָרט נהנה זיין, דאָס ברענגט נאָר אַן אבדון, פון דעם זאָלסטו גאָרנישט האָבן, אַזוי אַרומער וועט מען זיך קענען אָפּרייסן.

היצט איז אַזוי, דער תכלית איז דאָך געווען וואָס ביי קרח מ׳האָט געטון דאָס נס [שיבלע בארץ, כדי] מ׳זאָל מציל זיין דעם כלל ישראל פון דער שלעכטער שיטה, ער האָט חולק געווען אויף משה רבינו׳ן און אויף די תורה הקדושה, כאָטשיג ער איז געווען אַ בעל רוח הקודש ער איז געווען זייער גרויס. נו ס׳קאָן גאָר זיין, אַז [הגם] ער וועט אַמאָל איינגעזינקען ווערן, אָבער די ״דיעות״ וואָס ער האָט אַריינגעבערעגט - מי יודע - דאָס בלייבט דאָך נאָך אין פנימיות, דער בורא כל עולמים האָט דאָך אָבער געוואָלט דאָס אויסוואָרצלען, טאָמער בלייבט אַ נאָדל און איינער וועט עפּעס נהנה זיין פון אים, ער וועט עפּעס הנאה האָבן, ער וועט האָבן תועלת, אַז מ׳איז פון יענעם נהנה גייט מען נאָך אים נאָך, פאַלט מען אַריין אין זיינע דיעות. דער בורא כל עולמים האָט געוואָלט מ׳זאָל פון דעם נישט נהנה זיין קיינער, אַזוי אַרום וועט מען זיין אָפּגעשניטן פון זיינע דיעות.

און אַז מ׳גייט נאָך, און אַז מ׳וויל פון יענעם, אַז מ׳וויל רחמנא ליצלן פון די אַלע וואָס זיי גייען קעגן די תורה הקדושה, וואָס מ׳וויל אויסרייסן, לא עלינו מ׳גייט עוקר צו זיין די תורה הקדושה, אַז מ׳וויל זיך מיט זיי חבר׳ן, און מ׳וויל פון זיי נהנה זיין, איז בלי ספק אַז מ׳ווערט נמשך נאָך זיי.

האָט די תורה הקדושה געזאָגט, ניטאַמאָל אַ נאָדל זאָלסטו האָבן, ווייל די נאָדל וועט שטעכן, אַז ס׳וועט זיין אַ נאָדל פון די וואָס פאַרלייגן זיך אויף הפרת תורה, דאָס מוז אויבעט איינגעזינקען ווערן.

[וע״ע ענין זה **בעל הגאולה** ועה״ת (סימן קי), **ובדברי יואל קרח** (עמוד מד), **ובחידושי תורה למסיבות** (פרשת ראה) מס״ג ראה תשכ״ד].

[כב] עיין זה **בדברי יואל תנינא** (דברים עמוד פה).

KolSatmar.com

ס׳שטייט[כג] **גָּלוּי וְיָדוּעַ לְפָנֶיךָ שֶׁרְצוֹנֵנוּ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ, וּמִי ׳מְעַכֵּב׳, שְׂאוֹר שֶׁבְּעִסָּה וְשִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת.**

**קמז**

ולכאורה קשה דהלא יש זמנים שהמלוכות מניחים את ישראל לשמור את התורה,
וכמו בימינו אלה, ואם כן איזה התנצלות יש בזמן כזה לומר דהשעבוד מלכיות מעכב

[והקשיתי על זה, דהנה] לעולם איז דאָ מלוכות [שאינם מעכבין מלעשות רצונו יתברך], **אַזוי ווי דער חתם סופר** זאָגט[כד], בְּיָמֵינוּ זענען זיי מטיב [לישראל] און זיי טוען גאָרנישט [נגדם], זיי זענען נישט ׳מעכב׳, ס׳איז דאָ כמה מלוכות וואָס זיי מישן זיך נישט אין דת, זיי זענען נישט ׳מעכב׳ [אידן] פונעם שמירת הדת.

[ואם כן יש להבין] וואָס שטעלט ער אַראָפּ [א כלל], **וּמִי מְעַכֵּב שְׂאוֹר** [שֶׁבְּעִיסָּה] **וְשִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת.**

**קמח**

ס׳איז טאַקע אמת ס׳איז געווען אַזעלכע מלכים [שעיכבו מלשמור הדת], ס׳איז דאָ אָבער אַזעלכע זמנים [שאין המלכות מעכב].

נו וואָס פאַר אַ תירוץ זאָגט מען ׳דעמאָלטס׳, **וּמִי מְעַכֵּב שְׂאוֹר שֶׁבְּעִיסָּה וכו׳**, וואָס טוט מען דאָרטן וואו די מלוכות לאָזן יאָ.

**קמט**

וכעין זה מבואר בגמרא דאין בין עולם הזה לימות המשיח אלא ״שעבוד מלכיות״ בלבד. והקשו התוספות
דהלא יש גם בנין בית המקדש ועוד ענינים, ותירצו דהלשון ״אין בין״ לאו דוקא. אבל תירוצם דחוק

נאָר אין **רמב״ם** זאָגט ער, כ׳האָב עס שוין אַסאַך מאָל געזאָגט. (ההמשך באות קנא)

[דהנה] **די גמרא** זאָגט (ברכות לד: ועוד) **אֵין בין עולם הזה לעולם הבא** [בימות המשיח], **אלא ״שעבוד מלכיות״ בלבד.**

זאָגט דאָך **תוספות**[כה] ס׳איז דאָ אַסאַך זאַכן [שיש חילוק ביניהם, כגון] דער בית המקדש, און נאָך זאַכן, [נאָר] ס׳איז ״לאו דוקא״. אפילו ס׳שטייט ״אין בין״ קען מען זאָגן לאו דוקא.

דאָס איז אויכעט שווער. [שהוא דוחק לפרש כן].

**קנ**

ועוד דאף לפי תירוצם צ״ב למה באמת נקטו דוקא ענין ״שעבוד מלכיות״

נאָר די קשיא איז דאָך [בכל אופן, אף לסברת התוספות דהוא לאו דוקא, אמנם] פאַרוואָס כאַפּט ער אָן גראָד ״שעבוד מלכיות״, פאַרוואָס זאָגט ער נישט דער ״בנין בית המקדש״ מיט נאָך זאַכן.

---

[כג] **בגמרא ברכות** (יז.) רבי אלכסנדרי בתר דמצלי אמר הכי, **רִבּוֹן הָעוֹלָמִים, גָּלוּי וְיָדוּעַ לְפָנֶיךָ שֶׁרְצוֹנֵנוּ לַעֲשׂוֹת רְצוֹנֶךָ, וּמִי מְעַכֵּב שְׂאוֹר שֶׁבָּעִסָּה וְשִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת, יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁתַּצִּילֵנוּ מִיָּדָם, וְנָשׁוּב לַעֲשׂוֹת חֻקֵּי רְצוֹנְךָ בְּלֵבָב שָׁלֵם.**

[כד] עיין **בדרשות חתם סופר** בכמה מקומות, ובפרט בקונטרס **כבוד מלך** הנדפס בסוף ח״ב (עמוד שצה-שצט), שמעורר ליזהר בכבוד המלכות שאנו חוסים בצלם אשר הם מניחים אותנו לשמור את הדת. וז״ל שם (בדף שצה:) בא״ד: כי השי״ת נתן הכרם כרם בית ישראל לנוטרים מלכיות חסידי אומות העולם אשר המה לנו למגן ומחסה, ועם ה׳ אלה שומרים דתם ותורתם בקרב העמים, ולא לבד שאנחנו ניזונים ומתפרנסים מזונות ופרנסת הגוף ושומרים אותנו מכל פגע, עוד תורתינו משתמרת בקרבנו וכו׳, עכ״ל. - ועוד שם (בדף שצז:): וגם מזה יש ליקח מוסר איך עלינו להזהר בכבוד העמים והשרים אשר אנחנו חוסים בצלם המטיבים לנו בכל מילי מיטב וכו׳.

[כה] **בתוספות שבת** (סג. ד״ה אין בין): אף על גב דהשתא אין ירושלים ואין בית המקדש, ואילו לימות המשיח יהיה הכל בנוי, צריך לומר דהאי ״אין בין״ לאו דוקא.

KolSatmar.com

**קנא**

אמנם לפי ביאור הרמב"ם בדברי הגמרא אלו, מיושב מה שנקטו "שעבוד מלכיות". דהרמב"ם מבאר דעיקר תקוות החכמים והחסידים לביאת המשיח, הוא רק מפני שאז תתרבה הדעת ויוכלו לעבוד את ה' באין מפריע

**נאָר אין רמב"ם אין פירוש המשניות פרק חֵלֶק** (סנהדרין פ"י, א) **זעט מען אַ תירוץ** [למה נקטו ענין שעבוד מלכיות דייקא].

דער רמב"ם זאָגט[כו] אַז מ'האָט נישט געגלוסט [די חכמים] **אויף ביאת המשיח** [פאַר] קיין שום זאַך, נישט פאַרדעם מ'זאָל "גרויס ווערן ביי די פעלקער", צי מ'זאָל האָבן "אַסאַך [השפעות] גשמיות", זאָגט ער פאַר 'דעם' האָט מען נישט געגלוסט אויף ביאת המשיח.

[נאָר] מ'האָט געגלוסט אויף ביאת המשיח **ווייל דעמאָלטס וועט מען קענען "דינען דעם אייבערשטן", קיין שום עיכוב וועט נישט זיין צו "שמירת התורה והמצוות"**.

ווייל דער מלך המשיח - זאָגט ער - וועט זיין שָׁלֵם אין תּוֹרָה און אין מִצְוֹת, און בלויז קְדוּשָׁה. מ'וועט פטור ווערן פונעם "שעבוד מלכיות", וועט מען קאָנען "האַלטן די תורה הקדושה" בשלימות, דאָס איז דאָס גאַנצע [שזהו עיקר תקותינו לביאת המשיח, מה שנוכל לשמור את התורה ולדעת את ה'. וזהו אף יותר מתקותינו להבנין בית המקדש, כדמשמע מדברי הרמב"ם].

**קנב**

ולפי דבריו מובן שפיר דענין "שעבוד מלכיות" מה שאנו עדיין בגלות ולא נגאלו בהגאולה שלימה, הוא המעכב הגדול בעבודת ה'. ולכן נקטו בגמרא דייקא ענין זה, כי זה יותר עיקרי אף מבנין בית המקדש

[ונמצא] שטעלט ער אַראָפּ [אַז] **שעבוד מלכיות איז 'מְעַכֵּב'** [משמירת התורה והמצוות, והיינו זה גופא מה שאנחנו תחת המלכיות ועדיין לא נגאלו בהגאולה שלימה].

**איבערדעם כאַפּט ער אָן** [בגמרא דייקא החילוק של] **"שעבוד מלכיות", ווייל דאָס איז דער עיקר, דער עיקר איז "שמירת התורה והמצוות", דאָס איז נאָך מער פונעם "בית המקדש", ס'איז מער פון אַלדינגס**[כז].

---

[כו] קיצור לשון הרמב"ם בפירוש המשניות שם, הובא לקמן (בהערה כז) בתוך לשון רבינו בויואל משה.

ועיין עוד **ברמב"ם** הלכות תשובה (ט, ב) שכתב גם כן מזה, וז"ל: ומפני זה נִתְאַוּוּ כל ישראל נביאיהם וחכמיהם לימות המשיח, כדי שינוחו ממלכיות שאינן מניחות להן לעסוק בתורה ובמצות כהוגן, וימצאו להם מרגוע, וירבו בחכמה, כדי שיזכו לחיי העולם הבא. לפי שבאותן הימים תרבה הדעה והחכמה והאמת, שנאמר וכו'. מפני שאותו המלך שיעמוד מזרע דוד בעל חכמה יהיה יתר משלמה ונביא גדול הוא קרוב למשה רבינו, ולפיכך ילמד כל העם ויורה אותם דרך ה', ויבואו כל הגוים לשומעו, שנאמר וכו'. וסוף כל השכר כולו והטובה האחרונה שאין לה הפסק וגרעון, הוא חיי העולם הבא. אבל ימות המשיח הוא העולם הזה, ועולם כמנהגו הולך, אלא שהמלכות תחזור לישראל. וכבר אמרו חכמים הראשונים אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שיעבוד מלכיות בלבד.

וכן הזכיר זה **הרמב"ם** בהלכות מלכים (יב, ד-ה) וז"ל: לא נתאוו החכמים והנביאים לימות המשיח, לא כדי שישלטו על כל העולם ולא כדי שירדו בעכו"ם ולא כדי שינשאו אותם העמים ולא כדי לאכול ולשתות ולשמוח, אלא כדי שיהיו פנויין בתורה וחכמתה, ולא יהיה להם נוגש ומבטל, כדי שיזכו לחיי העולם הבא, כמו שביארנו **בהלכות תשובה**. - ובאותו הזמן לא יהיה שם לא רעב ולא מלחמה ולא קנאה ותחרות, שהטובה תהיה מושפעת הרבה וכל המעדנים מצויין כעפר, **ולא יהיה עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד**, ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם כפי כח האדם, שנאמר (ישעי' יא, ט) כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים.

[כז] **וז"ל רבינו בויואל משה** (א, קיט): והנה במה שאמר שמואל **אין בין עולם הזה לימות המשיח אלא שיעבוד גליות בלבד**, כתבו התוספות וכו' דהאי אין בין לאו דוקא. וצריך לומר לפי זה דקאי רק על שינוי הטבעים בטבעו של עולם, כמו אור הלבנה כאור החמה, וכדומה שינוי הטבעים שלא היה כן מיום שנברא העולם וכו',

KolSatmar.com

**קנג**

אלא שצריך עוד ביאור, למה באמת הגלות מעכב משמירת התורה, אף בזמנים שיש לישראל מנוחה בין הגוים

**נאָר פאַרוואָס איז דאָס אַלעס.**

**ס׳איז** [דאָך] **פאַרהאַנדן אַמאָל צווישן די ״מלכי אומות״ אויכעט** [וואָס] **זיי ׳לאָזן געמאַך׳** [=לאָזן במנוחה]**, און זיי לאָזן האַלטן דת.**

**קנד**

אמנם ביאור הענין כמבואר בספרים דכל מדינה ואומה נשפע משר שלה, וכל שר יש לו קליפה ידועה שהוא שורש איזה עון, והאומה שתחתיו נתפסים באותו עון, וזה גורם גם לישראל הדרים ביניהם להיות להם נסיונות בענין ההוא

**נאָר וואָס׳זשע דען, ס׳שטייט דאָך אַזוי אין אַלע ספרים, אין יעדע ׳מדינה׳ איז דאָ דערין ענינים וואָס די ׳אומה׳ איז געכאַפּט דערינען, ס׳איז דאָך אַ שַׂר** [שהוא מושל על המדינה והאומה]**, דער שַׂר איז** [דער וואָס] **ער האָט אַ נגיעה אין דער קליפה** [של ענין מסויים, ועי״ז נתפסו בני האומה שתחתיו בעון זה, און] **די אידן וואָס זיי וואוינען דאָרט** [בהמדינה] **זענען אויך עלול אויף דעם** [ליכשל ח״ו בעון ההוא]**, דאַרף מען מער האָרעווען** [באותו ענין] **אַז מ׳זאָל ניצול ווערן,** [ווייל] **מ׳ווערט געכאַפּט אין ׳דער׳ קליפה** [של אותה אומה].

**ער דער מאור ושמש שמועסט אַסאַך דערפון**[כח]**, און דער אמת ס׳האָט נאָך א מקור אין די ׳פריערדיגע׳ ספרים נאָך.**

---

וזולת זה יש הרבה ענינים בין עולם הזה לימות המשיח. וצריך להבין למה פרט דוקא שיעבוד גליות, וכי בית המקדש וירושלים מילתא זוטרתא הוא. ובאמת שהתוספות בתענית ובמגילה נדחקו לתרץ דבכמה מקומות בש״ס משמע דהיכא דאמר לשון אין בין הוא דוקא, ועל כל פנים אף אם ההכרח לומר דכאן לשון אין בין הוא לאו דוקא, מכל מקום צריך טעם למה בחר לומר רק פרט זה של שיעבוד גליות.

אמנם בדברי הרמב״ם ז״ל בפירוש המשנה בסנהדרין פרק חלק מצינו ישוב על זה, שהאריך שם בעניני ימות המשיח, וכתב שאז הוא הזמן שתשיב המלכות לישראל ויחזרו לארץ ישראל, ויהיה אותו המלך גדול מאוד וכו׳ וזכרו יהיה מלא הגוים יותר מן המלך שלמה, וישלימו אתו כל האומות ויעבדוהו כל הארצות לצדקו הגדול ולנפלאותיו שיהא על ידו, וכל מי שיקום עליו יאבדהו השם יתעלה וימסור אותו בידו וכו׳, ולא ישתנה שום דבר במציאות ממה שהוא עתה אלא שהמלכות תחזור לישראל, והאריך עוד שם בענינים נשגבים שיהיו בימות המשיח, עד שכתב לבסוף התועלת הגדול שיהיה בימים ההם הוא שננוח משיעבוד מלכיות שהוא מונע אותנו מעשיית המצות כולם וכו׳, ואין אנו מתאוים ומקוים לימות המשיח לרוב התבואות והעושר וכו׳, אבל התאוו הנביאים והחסידים לימות המשיח ורבתה תשוקתם אליו למה שיהיה בו מקבוץ הצדיקים והנהגת הטובה והחכמה וצדק המלך ורוב יושרו והפלגת חכמתו וקרבתו אל האלקים וכו׳ ועשיית כל מצות תורת משה ע״ה בלי עצלה, עכ״ל בקיצור, יעיי״ש שהאריך טובא.

ומבואר בדבריו הרבה ענינים נפלאים ונשגבים עד מאוד שיהיה בימות המשיח, אלא שהמציאות לא ישתנה, לפי שיטתו של שמואל שאמר אין בין, ולכן פרט רק שיעבוד מלכיות, לפי שזהו היסוד העיקרי, שעל ידי שננוח משיעבוד מלכיות נוכל לשמור כל המצות כולם, ואך בשביל זה תקותינו לימות המשיח, שנוכל אז לשמור כל המצות כולם.

ובאמת מוכח כדברי הרמב״ם ז״ל במה שאמרו בש״ס (ברכות יז.) גלוי וידוע שרצונינו לעשות רצוניך ומי מעכב **שאור שבעיסה ושיעבוד מלכיות**, והרי ששיעבוד מלכיות הוא המעכב הגדול לעשיית רצונו יתברך שמו, כמו היצר הרע.

[כח] עיין **במאור ושמש** לסוכות (רמזי יום ג׳ דסוכות): **ונוסיף בביאור הדבר, באופן היכולת להכניעם, כי כל אומה מהשבעים אומות היא שקועה במדה רעה משונה מאומה אחרת, ולזה עינינו רואות בהאומות, כי מהם אשר טבע העם ההוא לשפוך דם, ומהם אשר טבע האומות להיות שטופים בזימה וגניבה ודומיהן, זה יורה כי שר שלהם הוא המושך אותם לזה. ואדם נברא כלול מכל העולמות עליונים ותחתונים, ויש בו כללות השבעים שרים גם כן, והוא כח המושך לתאוות הגשמיות שונות זו מזו. והצדיק אשר ביער הרע מקרבו והפכו לטוב, והכניס הדבר ההוא תחת הקדושה, יֶשׁ לְאֵל יָדוֹ להכניע השר המושך אל התאוה ההיא שנכנסה להקדושה על ידי הצדיק. דרך משל, אם הצדיק מלמד להחוסים בצילו לבל ילבשו מלבוש נכרי, ומכניס הדבר הזה אל הקדושה, מכניע בזה אומה ושר שלה, המושך אותה לתאות מלבושי פריצות.**

KolSatmar.com

מ׳ווערט געכאַפּט אין דעם וואָס די אומה, וואָס דער שַׂר איז געכאַפּט, דאָס האָט אַ השפעה.

**קנה**

ובזה יובן אומרם "שעבוד מלכיות" מעכב, דאין הכוונה דוקא על המלך שלמטה, אלא הכוונה על השר שלמעלה שישראל משועבדין תחת האומה שתחתיו, ועי״ז נשפעין מהשפעת אותו שַׂר הגורם להם לחטוא ח״ו

**דער שעבוד מלכיות** [הנזכר בגמרא שמעכב מלעשות רצונו] **איז נאָכנישט טייטש דעס אַז דער מלך** [שלמטה] **איז ׳כופה׳** [נגד הדת], **נאָר אַז מ׳איז אונטערן שַׂר** [שלמעלה], **דער מלך האָט דאָך אַ שַׂר, און דער שַׂר איז פון אַזאַ קליפה, פון אַזאַ מִדָּה רָעָה, און דעס וואַרפט אַרויף אַן עוֹל כָּבֵד אויף די אַלע וואָס זיי וואוינען אונטער ׳די׳ שרים,** [אַז מ׳דאַרף מער האָרעווען] **אַז מ׳זאָל זיך מתגבר זיין, מ׳זאָל נישט געכאַפּט ווערן,** [נאָר] **מ׳זאָל בלייבן ביי די קדושה.**

**קנו**

**היוצא מזה לענינינו:**

כל האמור הוא לענין שרי שאר המדינות. וכל שכן להדרים בארץ ישראל, דאם חוטאים שם אז הקב״ה מסלק שכינתו משם, והס״מ נעשה ח״ו מושל הארץ, דבודאי יש תחתיו נסיונות גדולים להשמר מן החטאים

**אַוודאי ׳לענינינו׳ קאָן מען פאַרשטיין, אין ארץ ישראל - זאָגט דאָך דער ב״ח** [אור חיים] **סימן ר״ח - ס׳איז נישטאָ קיין שַׂר, נאָר דער בורא כל עולמים אַליין. און אַז מ׳זינדיגט אָבער, ס׳איז דאָ אַסאַך עוונות, מ׳איז מטמא את הארץ, איז הקדוש ברוך הוא מסלק שכינתו.**

**נו ווער איז מושל? כאַפּט זיך צו דער ס״מ. בלייבט דער ס״מ דער מושל.**

**אַזוי זאָגט דער ב״ח.**

**קנז**

ובפרט בימינו שקמה שם מלוכה "שלא כדת" של תורה, ואי אפשר לשום דבר בלא שורש למעלה, ברור הוא כי רק הס״מ הוא השר שלהם

**איבערהויפּט אַ מלוכה "שלא כדת".**

**נו לכאורה יעדער מוז דאָך האָבן אַ שַׂר, ס׳איז דאָך נישט פאַרהאַנדן** [שום דבר למטה שאין לו שורש למעלה].

**איז דאָך זיכער ׳נאָר׳ דער ס״מ דער שר.**

[ונמצא] **האָט מען אַ שעבוד מלכיות פונעם ס״מ אַליין.**

---

**ובמאור ושמש פרשת מסעי** (עה״פ כי אתם באים אל הארץ כנען) **:** הענין הוא כך, ששרים שלמעלה הם המביאים לכל תאוות ויצר הרע שבעולם, שכל רצונם למשוך את האדם אחר תאוות יצר הרע. ובפרט לאיש הישראלי, כל מגמתם לנתק אותו מעבודתו, עבודת השי״ת.

והנה האיש הישראלי שרואה זאת שרוצים להביאו לתאוות העולם השפל בלבושם או בלשונם, אז צריך שלא לשמוע אליהם בשום אופן, ולעשות היפוך מתאותם וכו׳, וצריך האיש הישראלי להיות חזק וְאַמִּיץ לִבּוֹ בַּגִּבּוֹרִים לגעור בתאוות שרוצה השר למשוך אותו ולא ללכת אחריו, ובזה הוא משפיל את השר של מדינה ההוא ומחלישו מכחו של מעלה וכו׳.

וידוע שמעשה הכנענים מקולקלים מכל האומות, כפירוש רש״י ז״ל בפרשת אחרי (יח, ג) בפסוק כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם וגו׳ וּכְמַעֲשֵׂה אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם שָׁמָּה וגו׳, ששרים של מעלה הביאו אותם לתאוות גדולות וכפרו בהשגחה יותר מכל האומות עובדי עבודה זרה, על כן הזהיר השי״ת אותם שלא ליילך אחריהם, רק לדבק בשרשם של שורש הנשמות של מעלה, ובזה יפלו השרים של ארץ כנען ויחלשו כחם.

KolSatmar.com

**קנח**

ונמצא שמלבד מה שהרשעים בעצמם ״כופין״ את יושבי הארץ נגד הדת,
יש עוד שעבוד גדול תחתם מן השפעת שר שלהם שהוא הס״מ שרו של עשו

**אויסערדעם וואָס מ׳איז ׳כופה׳ [לעבור על הדת] השם ישמרנו.**

**[נאָר] אפילו [וואָס] מ׳איז נישט כופה, אָבער די השפעה פון די עבירות [ישנו בארץ, ע״י השר הנזכר].**

**קנט**

# ללמוד ממעשה פינחס, למנוע פירצות הדור

בפרשה זו רואין איך שפינחס מסר נפשו להגן בעד קדושת הברית

**מ׳זעט טאַקע אין די וואָכעדיגע סדרה, פינחס וואָס ער האָט געהאַט מסירת נפש, [ער האָט] מקנא געווען פאַר בְּרִיתְךָ יִנְצֹרוּ[כט], קנאת הברית.**

**ער האָט זיכער געהאַט גאָר גרויסע ענינים, זמרי. אָבער ס׳האָט דעך דאָך אָנגערירט אין קדושת הברית, ס׳האָט געשאָדט פאַר׳ן כלל ישראל, ס׳האָט אין זיי אַריינגעברענגט הרהורי זימה.**

**האָט ער [פינחס] געהאַט דערפאַר ״מסירת נפש״.**

**קס**

ובעוה״ר ירידת הדור גדול מאוד בענין זה, שהוא ענין החמור ביותר, והוא
המסלק שכינתו יתברך מישראל. ובפרט בארץ הקודש הוא חמור פי כמה

**בעוונותינו הרבים, היצט אין די אַלע דורות [אחרונים] זעט מען מ׳ווערט געכאַפּט, טאַקע אין די דורות, ס׳איז דאָ אַזויפיל פריצות פון זימה מיט ערוה, מיט תערובות, דאָס וואַרפט אַרויף אַן עוֹל כָּבֵד [און] נסיונות אפילו אויפן ׳אידישן׳ איד.**

**קסא**

**בעוונותינו הרבים וויפיל איז דאָ [שומרי הברית כראוי] אפילו צווישן ׳אידישע׳ אידן, ווי שפל איז נעבעך די בחינה פון קדושת הברית, וויפיל עבירות.**

**מ׳שמועסט נישט נעבעך צווישן די בעלי עבירות [ברצון], וואָס מ׳הערט בעוונינו הרבים פירצות הדור.**

**אָבער גאָר צווישן ׳אידישע׳ מענטשן, אויף די ׳אידישע׳ מקומות, אויף די שענסטע מקומות, אויף די בעסטע פלעצער, ה׳ ישמרנו הערט מען רחמנא ליצלן, - דאָס איז דאָס אַרגסטע, דאָס איז מסלק שכינתו יתברך, - דער עון הידוע, וואָס מ׳דאַרף נישט אויסצורעכענען, מ׳דאַרף נישט מזכיר צו זיין.**

**וואָס דאָס וואַרפט אַרויף [נסיונות על כולם], ס׳איז מסלק שכינתו יתברך שמו.**

**קסב**

**וואָס פאַר אַ פנים האָט מען?**

**וויאַזוי קאָן מען דערנאָך [צוקומען] באמת מ׳זאָל דינען דעם אייבירשטן?**

**קסג**

**טאַקע אין ״ארץ ישראל״, איבערהויפּט ״במקום הקודש״, ווי האַרב איז דאָס?**

---

[כט] מלשון הפסוק (זאת הברכה לג, ט).

KolSatmar.com

**ס׳איז אין די גאַנצע וועלט זייער האַרב, איבערהויפּט ״במקום הקודש״ איז מען דאָס נישט ׳סובל׳ בשום אופן**[ל]**.**

**קסד**

וכן גדול הירידה בדרכי הצניעות באופנים שונים

**אויסערדעם,** [אפילו] **ביז אַהין,** [די] **דרכי הצניעות.**

**אַמאָל איז** [דאָ] **געווען אַ מקום פון צניעות, איבערהויפּט דאָ אין ״ירושלים״.**

**ווי ווייט דאָס רוקט זיך!**

**מ׳גייט מיט בגדי חציפות, מיט פריצות, קורץ, אויסגעשניטן, אָן שטרימפּ, וכדומה וכדומה.**

**איך דאַרף ניטאַמאָל אויסצורעכענען, מ׳קאָן גאָרנישט אַזויפיל רעכענען.**

**מיט שַׂעֲרוֹת מְגֻלּוֹת.**

[און] **נעבעך די נידעריגסטע זאַכן, וואָס איז רחמנא ליצלן די גרעסטע פירצות.**

**קסה**

ופירצה אחת מביא את חברתה, והשפעתם מרובה אפילו על ילדים קטנים, ומי הוא בכחו למנוע המשחית ולגדור בעד זה

**בעוונינו הרבים,** [צוליב] **די גרויסע צרות, אין דעם גרויסן גלות, אוי! מ׳איז נישט בכח מ׳זאָל מיר דאָס קענען איינהאַלטן** [=צוריקהאַלטן פון] **צווישן אידן, מ׳זאָל קאָנען אַביסל מעכב זיין די פירצות הדור.**

[וואָס די פירצות הדור] **דאָס ברענגט דאָך שוין איינס דאָס אַנדערע.**

[און] **דאָס איז משפיע אויף יעדן, אפילו אויף קליינע קינדער איז דאָס משפיע.**

[ואין לשער] **ווי ווייט מ׳דאַרף האָבן מסירת נפש.**

**קסו**

וצריכין אנו לעזור ממרום שישפיע הקב״ה רוח טהרה בלבבות בני ישראל

**מַה נֹּאמַר וּמַה נְּדַבֵּר, מ׳קען מיר גאָרנישט זאָגן, מ׳קען זיך נישט העלפן, מ׳איז בעוונינו הרבים בשפל המצב.**

**השם יתברך ירחם על עמו ישראל, ער זאָל משפיע זיין** [רוח טהרה] **בִּלְבָבוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.**

**קסז**

אבל עכ״פ כל יהודי שעושה איזה תנועה של קדושה, ולמנוע איזה תנועה של חטא, גורם בזה נחת רוח גדול להקב״ה

**אָבער יעדער איד, ׳וואָס׳ ער קען טון, ׳וואָס׳ ער קען עפּעס מונע זיין** [עוונות ישראל]**, טוט מען אַ נַחַת רוּחַ פאַר׳ן בורא כל עולמים!**

**יעדע תנועה פון יעדן חטא, אַלעס איז אַ פְּגָם אָן אַ שִׁעוּר, אָן אַן עֶרֶךְ!**

**און יעדע ״תְּנוּעָה שֶׁל קְדוּשָּׁה״ וואָס מ׳קאָן מוסיף זיין צווישן אידן, איז אַ נַחַת רוּחַ פאַר׳ן לעבעדיגן באַשעפער!**

---

[ל] כי ארץ ישראל אינה סובלת עוברי עבירה ומקיאה אותם. וכמבואר בפסוק (אחרי יח, כח): וְלֹא תָקִיא הָאָרֶץ אֶתְכֶם בְּטַמַּאֲכֶם אֹתָהּ כַּאֲשֶׁר קָאָה אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר לִפְנֵיכֶם. ופירש״י: משל לבן מלך שהאכילוהו דבר מאוס שאין עומד במעיו אלא מקיאו, כך ארץ ישראל אינה מקיימת עוברי עבירה וכו׳. - וכן מבואר גם בפסוקים דסוף פרשת קדושים. [וכדיבואר עוד בזה להלן באות באות קצט-ריא].

KolSatmar.com

רעב

## סיום הדרשה - וברכת הקודש

**דער בורא כל עולמים זאָל טאַקע העלפן:**

**קודם זאָל מיר האָבן סייעתא דשמיא מ׳זאָל קאָנען עומד בנסיון זיין, מ׳זאָל מיר זיך האַלטן אין דרך האמת.**

**מ׳זאָל וויסן ׳וואָס׳ מ׳ברויך צו ״זאָגן״, וואָס מ׳ברויך צו ״טון״, וויאַזוי מ׳ברויך זיך צו ״פירן״[לא].**

**און מ׳זאָל מיר די זכיה האָבן אַז ווען מ׳וועט זוכה זיין אַקעגן צו גיין משיח׳ן, זאָל מיר די זכיה האָבן, מ׳זאָל קאָנען ווייזן פאַר׳ן מלך המשיח: ״דאָס זענען אידן וואָס האָבן דיר צוגעהאָלפן ׳מְמַהֵר׳ צו זיין די גאולה״!**

רעג

**אוי וויי! ווי ביטער ווי אַ גאַל איז, אַז מ׳וועט חלילה קוקן די אידן וואָס זיי האָבן ׳מְעַכֵּב׳ געווען די גאולה!**

**השם ישמרנו מ׳זאָל נישט קיין חלק האָבן אין דעם!**

רעד

**ווען מ׳וועט זוכה זיין לִמְבַשְּׂרָא גאולה, זאָל מיר זיין פון די** [שנאמר עליהם, לָכֵן אֱמֹר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל] **אֲנִי ה׳** [המסייעם להיות עומד בנסיון ולנצח על מלאכת ה׳] (וכבחינה דלעיל אות רסה-רעא).

**אַז השם יתברך זאָל העלפן מ׳זאָל זוכה זיין אים צו דינען בנחת ובשמחה, ובלב טהור.**

**מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו זען די גאולה שלימה.**

**דער בורא כל עולמים זאָל אָפּהיטן אידן בכל מקומות מושבותם מכל צרה וצוקה, ס׳זאָל נישט חלילה שאַדטן די אַלע ביטערע חטאים, דער עון הדור.**

**השם יתברך ירחם על עמו ישראל, אונז זאָל מיר ניצול ווערן מכל צרה וצוקה.**

**מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו זען במהרה די גאולה שלימה ואמיתית, בישועת כל ישראל ושמחתן ובהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.**

---

[לא] וכדרך שהיה בפינחס, דהן המחשבה והן ״המעשה״ היתה רצויה לפניו המקום.

KolSatmar.com

# דברים אחדים

דרשה זו מרבינו היא היחידה במינה, להיות נקלט על רעקארדינג. כי כל דרשותיו של רבינו בסגנון זו שדרש בביהמ"ד מעוטף בטלית גדול, בדברי אגדה, ובפלפול, ובדברי מוסר לעורר את העם, היו ע"פ רוב דרכו בקודש לאמרם בשב"ק קודם קריאת התורה, או בשב"ק אחה"צ, (וכמו שהיה רגיל לדרוש בשנים שלפני המלחמה בשבת הגדול ובשבת שובה, וכן בעת נסעו לשבתות בכמה עיירות, וכן לאחר המלחמה בעת שהותו בארץ ישראל בירושלים ובבני ברק). והכל תלוי במזל שבבפרשת פינחס תשי"ט נעתר רבינו לבקשת רבני "העדה החרדית" שיאמר הדרשה בימות החול, כדי שיוכלו הציבור בירושלים לבוא מכל רחבי העיר לשמוע דבר ה' מפה קדשו של רבינו שהיה גאב"ד ירושלים ת"ו.

וכדאי מאוד בשבוע זו לשמוע הריקארדינג, כי הדברים נאמרו בקול זעקה, במתינות, במורא גדול ובאש קודש מפי מרן רבינו זצ"ל מקנא קנאת ה', בסגנון ואופן מיוחד, וכמעט שאין לנו דוגמתו.

דרשה זו שאמר רבינו ארכה לערך שני שעות, וכאן ערכנו לעת עתה רק לערך רבע ממנה.

•

ואגב: כאן המקום להשיב לעומת "שאלת רבים" מה נשתנה שלאחרונה התחלנו לערוך איזה תורות רק לחלקים, ושאלתם בפיהם למה עשינו כן.

הנה כל תורה ודרוש שאמר רבינו הוא "שיעור קומה" שלימה במנין ובבנין, ולכן השתדלנו עד עתה להוציא לאור דוקא כל תורה בשלימותה כמו שאמרם רבינו, אבל לאור זה הוצרכנו בדרך כלל לבחור בהדברי תורה שאמר רבינו בשנים הראשונות עלי אדמות אמעריקא, שהם יותר קצרות. אמנם לאחרונה התחלנו במקום הצורך לערוך ולבאר גם דברי תורה הארוכות שיש בו הרבה אוצרות מלאות וגדושות בדברי הדרכות וחכמה ומוסר עד להפליא, ובפרט החידושי תורה משנת תשכ"ו תשכ"ז תשכ"ח שנאמרו בחן ובסגנון מיוחד לאורך כל הפרשה, אשר ישנם הרבה מתלמידי רבינו זי"ע החיים אתנו לאורך ימים ושנים טובות, אשר זכו לשמוע דברים הללו ועדיין מונח דבריו הק' בזכרונם, ויש להם תענוג גדול לראות דבריו הקדושים מתבארים בטוב טעם ודעת.

אבל כמובן בעריכת הדברי תורה הארוכות יש בו עבודה רבה יום ולילה לא ישבותו, ודמים תרתי משמע, ואי אפשר לערוך עבודה תמה בקוצר ימים, וכבר אמר החכם מַה שֶּׁהָרָצוֹן חוֹשֵׁק אֶפֶס הַיְכֹלֶת עוֹשֵׂק, ולכן כדי שנוכל לעבוד על תורות הארוכות ובד בבד נוכל גם להוציא לאור קונטרס חדש לכל שבוע בע"ה כדי שלא יבוטל התמיד, ע"כ ההכרח יאלצונו להוציא אותם קמא קמא דמטא לידן, אבל נזהרנו שכל חלק שחלקנו יהיה ענין שלם בפני עצמו, וכדרוש לעצמו, ותקותינו אי"ה להוציא לאור גם יתר החלקים מתורות אלו בשנים הבאות עלינו לטובה, על סדר הפרשיות, באופן דכשיוגמר כל התורה יהיו נדפסים ביחד ובשלימות ברוב פאר והדר והיה המשכן אחד.

KolSatmar.com